STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01666

A RAYZE KEYN PARIZ, ROYM UN YISROEL

Leon Levenson

Permanent preservation of this book was made possible by B.T. Davison

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. לעווינסאָן

אַ רייזע קיין

פּאַריז,
רוים
און ישראל

אַרויסגעגעבן פון
די י. ל. פּרץ אַרבעטער רינג שולן
פילאַדעלפיע, פּאַ.
תשכ"א—1961

A Reize Kein Pariz, Roim un Yisroel

A TOUR OF

PARIS,
ROME
and ISRAEL

By LEON LEVENSON

Printed in U. S. A.
MID-CITY PRESS, INC.
Philadelphia 2, Pa.
20

אינהאלט

זייט

פונ׳ם מחבר 5

אין פאַריז............................. 7

אין רוים 16

די ערשטע איינדרוקן אין ישראל.......... 23

אין ירושלים 31

איבערן לאַנד.......................... 37

אין תל־אביב........................... 48

אַרבעטער און קולטור אינסטיטוציעס.......... 51

יידיש אין ישראל 59

אַ שמועס מיט נתן חפשי 62

בילדער .... זייטן 12, 13, 19, 29, 34, 43, 45, 58

פונ'ם מחבר

אין די חדשים אָקטאָבער־נאָוועמבער, 1960, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אָנצופירן מיט אַ גרופּע אַרבעטער־רינג טוריסטן אין אייראָפּע און אין ישראל. דאָס איז געווען פאַר מיר אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג, נאָך וועלכער איך האָב געגאַרט פאַר עטלעכע יאָר. ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון מיין נסיעה, האָב איך זיך געטיילט מיט מיינע איינדרוקן אויף אַן עפנטלעכן קבלת־פּנים צענויפקום פון אַרבעטער־רינג שול־טוערס.

זינט דאַן, האָב איך שוין געקראָגן איינלאַדונגען פון אַ רייע פלעצער און גרופּעס, וועלכע האָבן אויך געוואָלט הערן די איינדרוקן פון מיין נסיעה. דאָס רוב איז דאָס געווען גרופּעס פון פאַרשידענע יידישע קולטור־קרייזן, וועלכע זיינען געווען זייער צופרידן. אומצופרידן איז בלויז געווען די מינאָריטעט שטרענג־פּאַרטייאישע פוןביידע לאַגערן: סיי די הייסע פּראָ־ישראל'ניקעס, וואָס ביי זיי איז אין ישראל כולו טוב; סיי פון די „לעבלעכע" (איך וויל זיי נישט אָנרופן אַנטי־ישראל, ווייל איך קען זיי . . .), וועלכע זעען בלויז די נעגאַטיווע זייטן פון מדינת־ישראל . . . איך בין מיט ביידע נישט מסכים.

איך דאַרף זיך נישט דערקלערן אין ליבע צו מדינת־ישראל. מיין באַציאונג צו דער מדינה איז אַ פּאָזיטיווע. ווען די מדינה טוט אָבער עפּעס וואָס מיר געפעלט נישט, שעם איך זיך נישט דאָס צו קריטיקירן. אין מדינת־ישראל אפילו, האַלט מען אויך נישט פון דער, ביי־אונדז אָנגענומענער, גלייכשאַלטונג, צי מ'געפעלט עמעצן, צי נישט. דאָס איז אגב־אורחא. דער מעמד פון ייִדיש־לשון און יידישע קולטור, האָט מיך פאַראינטערעסירט אין ישראל: פּאָליטיק—לגמרי נישט.

די מערסטע צופרידענע, האָבן מיך צוגערעדט אָפּצודרוקן מיינע איינדרוקן אין בוך־פאָרם. איז אויך דאָ מיר דער אַרבעטער־רינג געקו־

מען צו־הילף. די י. ל. פּרץ שולן פון אַרבעטער־רינג, מיט וועלכע איך בין פאַרבונדן פון יאָרן, האָבן גענומען אויף זיך די אחריות אַרויסצו־געבן די איינדרוקן פון מיין נסיעה. מיינע שילדערונגען זיינען אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם, באַגלייט מיט עטלעכע בילדער, פון וועלכע איך האָף, אַז דער לייענער וועט קריגן אַ קלאָר בילד.

איך וויל, ביי דער געלעגנהייט, עפנטלעך באַדאַנקען די י. ל. פּרץ שולן, און מיין פריינד י. פרידמאַן, דעם פּאָרזיצער פון דער אַ. ר. צענטראַלע שול־פּאַרוואַלטונג פון פילאַדעלפיע, פאַר דער טובה פון אַרויסגעבן די איינדרוקן פון מיין נסיעה.

ל. לעווינסאָן

פילאַדעלפיע, אייר, תשכ"א, מאַי, 1961.

אין פּאַריז

געלאָזן אַלע מיינע ליבסטע און זיך אַריינגעזעצט אינעם אל־על עראָפּלאַן און אין אַ קורצער צייט אַרום געפינען מיר זיך שוין „על תחת כנפי השכינה"—24 טויזנט פוס אין דער הויך, צווישן הימל און דאָס וואַסער פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. איר פילט ווי מען „שווימט" אין דער לופט אינעם שטאָלענעם פויגל. צו די אויערן דערטראָגט זיך גלייך באַקאַנטע העברייאישע אויסדרוקן: אדון, סליחה, בבקשה און, נאַטירלעך, שלום! דאָס פּערסאָנאַל רעדט עברית און ענגליש. די באַדינונג איז אויסערגעוויינלעך גוט. עסן און נאַשערייען איז זייער אַן אָפּטע דערשיינונג . . . די סטואַרדס טוען אַלץ צו מאַכן די רייזע פאַר אייך אַזוי אנגענעם ווי נאָר מעגלעך און ס׳געלינגט זיי אין דער פולער מאָס.

* * *

איך האַלט, אַז ס׳איז כדאי צו דערציילן וועגן אַן אנגענעמע איבעראַשונג, וואָס מיר האָבן געהאַט אויפן איידלוואַילד לופט־פעלד.

בעת מיר זיינען געשטאַנען אינעם וואַרטצימער, האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן קלאַנגען פון חסידישע ניגונים. מיר גייען אַריין אין קאָרידאָר, ערשט מיר זעען עטלעכע יונגע־לייט, מיט לאַנגע בערד, קורצע בערדלעך, טייל בערדלעך וואָס הייבן ערשט אָן שפּראָצן; טייל טראָגט אויך פּיאות,—אַלע האַלטן די הענט אויף די אַנדערע אַקסלען, זיינען פאַרמירט אין אַ קרייז, און טאַנצן און זינגען מיט גרויס התלהבות. וואָס אַמאָל ווערט דער קרייז גרעסער. די ניגונים דערגרייכן די העכסטע אָקטאַוועס און דאָס טופּן מיט די פיס זייערס איז אַזוי שטאַרק, אַז די צעמענטירטע דילן טרייסלען זיך ממש . . . אַ גרויסער עולם פון גויים שטייט און קוקט מיט פרעגנדיקע בליקן וועגן דידאָזיקע מענטשן, סיי וועגן זייער אויסזען און סיי וועגן זייער טאַנצן און זינגען. מיר שטייען און באַוואונדערן זייער התלהבות און אונדזערע גופים הייבן זיך אָן צו באַוועגן פּאַמעלעך, און וואָלטן מיר זיך נישט געשעמט, ווייל מיר טראָגן נישט קיין באָרד און פּיאות, וואָלטן מיר זיכער זיך געוועזן אויסגעמישט מיט די ליובאַוויטשער אינעם פרייליכן קאַראַהאָד . . .

ערשט אויפן עראָפּלאַן האָב איך זיך צערעדט מיט אַ יונגענמאַן, וועמען ס׳הייבט שוין אָן צו שפּראָצן אַ בערדל, אַ חסיד פונעם סקולע־

נער רבין, אין ברוקלין, וואָס פֿאָרט לערנען אין דער ישיבה „בני ברק", אין ישראל, אַז דאָס זיינען געקומען די ליובאַוויטשער באַגלייטן משה לאזאר.

—ווער איז דאָס משה לאזאר?—פֿרעג איך,—לויט זיין טראַכט און אויסזען, דאַרף ער זיין אַ רב. איז ער טאַקע אַ רב, אָדער—אַן „ערב־רב"?

דעם יונגענמאַן געפֿעלט מיין וואָרט־שפּיל און ער גיט אַ שמייכל:

—ניין, ר' משה לאזאר פֿאָרט קיין רוים כדי דאָרט צו עפֿענען אַ ליובאַוויטשער ישיבה.

דער ענטפֿער אימפּאָנירט מיך, און איך טראַכט בעת־מעשה: אין די יידיש־וועלטלעכע קרייזן פּלפּולט מען זיך איבער אַ קוצי־של־יוד; מ'האַלט אין איין פֿירן דיסקוסיעס ... דער ליובאַוויטשער, פּונקט ווי אַנדערע רעליגיעזע פֿירערס, טועז. דער ליובאַוויטשער האָט אַ נעץ פֿון ישיבות אין אַמעריקע, אַ ישיבה אין פֿראַנקרייך, אין מאַראָקאָ, אין ישראל, און איצט באַגעגן איך אויפֿן עראָפּלאַן זיינס אַ מיסיאָנער, וועלכער פֿאָרט עפֿענען אַ ישיבה אין דער וועלט־באַרימטער רוים, מיטן קליינעם יידישן ישוב; רוים, די שטאָט וואו ס'שטייט נאָך עד־היום טיטוס הרשע'ס טריומף־טויער און די חרוב'ע מויערן פֿונעם קאָלאָסעאום, וואָס איז געבויט געוואָרן פֿון די יידישע שקלאַפֿן, וועלכער דער זעלבער טיטוס האָט געשלעפּט פֿון ירושלים, נאָכדעם ווי ער האָט חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש... איך זע עפּעס סימבאָליש אין דעם: נאָך יאָרהונדערטער, נאָך יאָרטויזנטער שפּעטער, וויטער צו שפּינען דעם גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון יבנה; וויטער צו שמידן די גאָלדענע קייט פֿונעם יידישן המשך אויפֿן באָדן וואו זייערע אבות זיינען פֿאַרשקלאַפֿט געווען, געליטן פּיין און יסורים; דורכגעמאַכט נגישות, רדיפֿות און הריגות, בלויז פֿאַר דעם איינציקן „חטא" וואָס זיי זיינען געווען יידן און געהאַט אַן איינעגעם גלויבן... איך קען זיך נישט העלפֿן און ווינטש דעם יידן הצלחה אין זיין מיסיע.

* * *

פֿאַרטאָג, ווען די מאָרגנשיין באַוויזט זיך דורכן פֿענסטער פֿונעם עראָפּלאַן, שטעלן זיך טייל יידן אויף און הייבן אָן אַרויסצונעמען טלית און תפֿילין, יונגוואַרג—בלויז תפֿילין—און אין איין אויגנבליק ווערט

דער עראָפּלאַן פאַרוואַנדלט אין אַ בית־תפילה. צווישן די 90 יידן אויפן עראָפּלאַן איז לייכטער צו קריגן אַ מנין, איידער צווישן די טויזנטער יידן אין אַמעריקע, וועלכע וואוינען אַרום די גרויסע טעמפּלען, וואָס די יידן האָבן אויפגעבויט... איידער דאָס דאַוונען ווערט פאַרענדיקט, זאָגט שוין דער „מאיק" אָן, אַז מיר דערנענטערן זיך צו לאַנד. דער עולם ווערט מונטערער, און אָט לאָזט זיך שוין דער עראָפּלאַן אַראָפּ אויפן לופטפעלד. מיר געפינען זיך שוין אויף יבשה.

* * *

אָט זיינען מיר שוין אין פּאַריז! פּאַריז, די אַלטע היסטאָרישע שטאָט, מיט אירע שיינע גאַסן און בולוואַרן; מיט דעם טילערי גאָרטן, סקווערן און קונסט־סטאַטועס; דער קונסט מוזעאום, די לואוור: דער וועלט־באַרימטער טייך סען, וואָס פליסט אין מיטן שטאָט; דער מאָנ־מאַרט, דער מאָנפּאַרנאַס מיט די שמאָלע, פינסטערע געסלעך. וויפל מענטשלעכע חלומות ס'זיינען דאָ צערונען געוואָרן... פּאַריז, מיט דער מאַריא מאַדאַלעינא קירכע, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געבויט; דער טריאומף־טויער, דער באַרימטער אייפל טורעם, די פּראַכטפולע אָפּערע הויז, דער פּאַנטעאָן, די קאַטאַקאָמבן, אאוו. מיר זעען אָט־די אַלע פּלע־צער. טיילמאָל שטייען מיר פאַרגאַפטע און מיט געמישטע געפילן... אָט זעען מיר, אינעם לואוור אַ שלל מיט קונסטווערק פון פאַרשידענע שולעס. מיר זעען די אָריגינעלע שאַפונג פון דע־ווינטשי, די לעגענדאַרע „מאָנאַ־ליזא"; וויסלער'ס „די מאַמע", פון וועלכער איר זעט קאָפּיעס אין אַ סך אַמעריקאַנער היימען; די סטאַטוע פון דער „ווענוס פון מילא", מיט די אָפּגעבראָכענע הענט. אָט באַזוכן מיר די וועלט־באַרימטע נאָטר־דאַם קאַטעדראַלע, וועלכע האָט גענומען 170 יאָר אויפצובויען, וואו אַלעקסאַנדער, דער דריטער פּויפּסט פון רוים, זאָל האָבן געלייגט דעם ערשטן שטיין; די קירכע מיט אירע פיל קונסטווערק, וואו אַ גאַנצן טאָג רעכט דאָרט אָפּ תּפילות. ווי, ווי, וויפל מענטשלעך בלוט ס'איז פאַרגאָסן געוואָרן אין איר נאָמען: די קרייץ־צוגן, די שייטער־הויפנס, אינקוויזיציעס און יעזואיטיזם. די קירכע, וועלכע דער פאַרגייער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, סען סימאָן, האָט אָפּגעקויפט כדי איר צו ראַ־טעווען פון פאַרניכטעט ווערן, ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט, פון די רעוואָלוציאָנערן. און אָט־אָ־דאָ שטייען מיר, אַ גרופּע יידן פון

אַמעריקע, אין יאָר 1960, און באַוואונדערן דאָס איבערבלייבעניש פון מיטל־אַלטער. איר טראַכט בעת־מעשה, אַז עפּעס סימבאָלישעס איז אפשר פאַראַן אין דעם...

מיר פאָרן אויפן מאָנטמאַרט. מיר זעען דאָס קבר פונעם שאַפער פון דער „מארסעלעזיע", אַנרי ראַשאַפּאַר, וועלכער האָט פאַרענדיקט ווי אַ רעאַקציאָנער און אַנטיסעמיט... אָט זעען מיר דאָס קבר פון אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער מחבר פון דער באַרימטער „קאַמיליען דאַמע", אין וועלכער ער האָט פאַראייביקט זיינס אַן אייגענע איבערלעבונג. אָט זעען מיר אַ גרופּן־קבר פון פּוילישע פאַוסטאַנצעס, וואָס זיינען געשטאָרבן אין „גלות". די „קאַמיליען דאַמע", דאָס מיידל אַלפאָנסינע פּלעסיס, וועלכער דיומאַ האָט געליבט, וואָס איז געשטאָרבן צו 23 יאָר, ליגט אויך אויף דעם בית־עולם. דאָס דאָזיקע קבר איז שטענדיק באַפּוצט מיט בלומען, וואָס פרויען לייגן אויפן קבר פון אַן אומגליקלעך פאַרליבטער.

אָט זעען מיר דאָס קבר פון היינע און אַזוי כסדר: קברים פון מענטשן, קינסטלער, דיכטער, פּאָליטיקער, רעוואָלוציאָנערן, אאַז״וו.

אָט זעען מיר דעם נאָטאַ בנין, די סורבאָנע, דעם באַסטיל סקווער: מיר קלעטערן שוין אַרויף צום שפּיץ פון אייפל־טורעם, פון וועלכן מיר זעען די שיינע פּאַנאָראַמע „פּאַריז". מיר באַזוכן דעם פּאַנטעאָן, וואו ס'געפינען זיך די קברים פון וואָלטעיר, רוסאָ, הוגאָ און אַנדערע.

אָט געפינען מיר זיך שוין אויפן קאָנקאָרד סקווער (פּלאַס דע־לאַ קאָנקאָרד). דאָ זעט איר סטאַטועס פון גרויסע קינסטלער, פאָנטאַנען, פיל בראָנזענע לאַמטערנס, און וואו ס'לויפן די קליינינקע אויטאָמאָבילן, היינט, ווי טייוואַלעמלעך...

פון איין זייט, זעט איר, דעם טילערי גאָרטן, מיטן ווייסן שאָטן פון לואוור־מוזיי, די באַרימטע שאַנס עליזעי, דעם אַרק דע־טריאומף, די מאַדעלעינע קירך, מיט אירע רוימישע קאָלומנעס, און אַנטקעגן דער ראַיאַל גאַס, זעט מען דעם פּלאַץ פון די בורבאָנען, צו וועלכן ס'פירט די בריק איבערן טייך סען.

דאָ אויף דעם פּלאַץ האָט מען רעוואָלוציעס געמאַכט, טראָגנדן גע־טרייסלט, קעפּ געהאַקט פון לואי דעם 16טן, מאַרי אַנטואַנעט; אויך

פון רעוואָלוציאָנערן: ראַבעספּיער, דאַנטאָן און אַנדערע. דאָ האָבן די קאָמונאַרן געדונערט קעגן דער רעאַקציע. מיר שטייען דאָ אויף דעם באָדן וואָס איז אויסגעווייקט מיט מענטשלעך בלוט, טראַכטן פון יענע היסטאָרישע געשעענישן, מיט וועלכע די וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, און זעען בלויז די קליינע „טייוואַלעמלעך” לויפן און די אוני־פאָרמירטע זשאַנדאַרמען שפּאַצירן זיך געמיטלעך הין און צוריק אויף די טראָטואַרן...

* * *

מיר פאָרן אינעם „פּלעצל”, דער יידישער געגנט אין פּאַריז, וועל־כער האָט אַן אייגנאַרטיקן אויסזען פון אַ יידישן געגנט, פּונקט ווי ספּעציפיש־יידישע געגנטן אין אַנדערע גרויסע שטעט איבער דער וועלט. מיר זעען די הערצל־וואוינונג, בעת ער האָט געלעבט אין פּאַריז; דעם האָטעל „באַסטיל”, לעבן פּאַרלאַמענט. מיר גייען אַריין אין אַ שמאָל געסל, וואו ס'געפינט זיך דער דאָקומענטאַציע צענטער. אין דרויסן — אַ מאַסיווער מאָנומענט, דער אַריינגאַנג צום בנין, לזכרון די זעקס מיליאָן קדושים אונדזערע, מיט אַ מגן־דוד אין צענטער. אויפשריפטן אויף לשון־קודש און פראַנצויזיש און בלויז איין וואָרט אויף יידיש: „געדענק”. מיר גייען אַריין אינעווייניק און מיר בלייבן שטיין ביי אַן אַרומגעצוימטן קבר פון אונדזערע אומבאַקאַנטע מאַרטירערס. דאָ ליגט דאָס אַש פון קדושים, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון די מערסטע קאָנצענטראַציע לאַגערן און גאַז־קאַמערן, און אויך פון דער וואַרשע־ווער געטאָ... אויפן קבר — אַ ריזיקער מגן־דוד פון מאַרבל. דאָ ברענט אויך אַ נר־תמיד...

מיר גייען אויף די אויבערשטע שטאָקן פון בנין. מיר זעען דעם אַרכיוו פון דאָקומענטאַציע צענטער, וואו ס'געפינען זיך אַריבער 400 טויזנט דאָקומענטן וועגן „דריטן חורבן”; טייל אָריגינעלע און אַ סך טראָגן אויף זיך די אונטערשריפטן פון די נאַציישע אָנפירערס פונעם דריטן רייך. פאַראַן דאָ אויך אַ סך פאָטאָגראַפיעס, פילמס און רעקאָר־דינגס. אין דער ביבליאָטעק געפינען זיך ביכער אויף פאַרשידענע לשונות, אַלע אַנטהאַלטן די פּעריאָדע פון דער נאַצישער הערשאַפט. ביז איצט, האָט שוין דער צענטער אַרויסגעגעבן 31 ביכער, געבויט אויף די דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין אַרכיוו. פאַראַן דאָ אויך אַ צאָל פּאַר לעקציעס און אַנדערע צוזאַמענקונפטן. די ווענט זיינען באַצירט

מיט אַ רייע קונסט־אַרבעטן, מתנות פון די רעגירונגען פון פראַנקרייך, בעלגיע, יוגאָסלאַוויע און לוקסעמבורג.



מאָנומענט נאָך זעקס מיליאָן קדושים, פּאַריז

מיר גייען אַריין אינעם מוזיי און מיר זעען גראַפישע עפּיזאָדן פונעם נאַצי־טעראָר: גאַז־אויוונס, לאַגערן, בערג מיט מתים, נאַצישע דאָקטוירים באַטראַכטן די רעזולטאַטן פון זייערע עקספּערימענטן—

בערג מיט מתים; מ׳זעט אויך יידישע העלדן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפּן קעגן די נאַציס... טייל פון די באַזוכערס שוידערן אויף. די מערסטע אָבער טענה׳ן, אַז מ׳דאַרף דאָס זעען און דער עיקר: געדענקען!

דער דאָזיקער דאָקומענטאַציע-צענטער און מוזיי איז, דער עיקר, די אַרבעט פון דעם באַקאַנטן ר׳ יצחק שניאורסאָן, וועלכער ליגט נעבעך איצט קראַנק. אַ קרוב פון דעם ליובאַוויטשער רבין, געוועזענער קאַזיאָנע ראַבין, אינעם צאַרישן רוסלאַנד. ער דיקטירט זיינע אַרבעטן עטלעכע שעה אַ טאָג, פונעם קראַנקן בעט...

* * *

מיר פאָרן אינעם שטעטל ברינוא, הינטער פּאַריז. מיר באַזוכן די וולאַדעק קינדער היים, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פונעם יידישן



קינדער און פּערסאָנאַל פון דער „וולאַדעק-היים״, ברינוא, פראַנקרייך

אַרבעטער קאָמיטעט אין אַמעריקע. דאָס הויז געפינט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן. די לופט איז צוגעפּאַסט פאַר קראַנקע. די ערשטע קינדער האָט מען דאָ טאַקע אויסגעהיילט פון טובערקולאָזע. מיר באַזוכן אַלע צימערן, וואָס זיינען ריין און ציכטיק. מיר זעען נעמען פון אַרבעטער־רינג טוערס, וועלכע האָבן בייגעשטייערט פאַר דער דאָזיקער היים. די בילדער פון ב. וולאַדעק, הענריק עהרליך און וויקטאָר אַלטער באַצירן דאָס הויפּט־צימער. די פרוי טורזש, די אָנפירערין, דערציילט אונדז די געשיכטע פון דעם אַנשטאַלט. זי לויבט זייער שטאַרק דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, דעם פריינד נ. כאַנין, פאַר זיין הילף צו דעם אַנשטאַלט, ביים סוף פון דער מלחמה. אַ סך קינדער, יתומים, זיינען שוין איצט דערוואַקסענע און זיינען שוין אַוועק אין דער גרויסער וועלט. איצט געפינען זיך דאָרטן דאָס רוב קינדער פון עגיפּטן, מאַראָקאָ, פּוילן און רוסלאַנד. די מערסטע יתומים, אָדער פון צעבראָכענע פאַ־מיליעס. דאָ ווערן זיי געראַטעוועט פאַרן יידישן פאָלק... צוויי טעג אַ וואָך לערנט מען מיט די קינדער יידישע לימודים. אונדזער עולם פאַר־געסט נישט די אינסטיטוציע און די פרוי טורזש שאַצט דאָס זייער אָפּ.

אויפן וועג צוריק זעען מיר עטלעכע שולן, וואָס די נאַציס האָבן בלויז אויפגעריסן די אַריינגאַנגען. זיי האָבן נישט געוואַגט די שולן צו פאַרניכטן, אויס מורא נישט אויפצורייצן די פראַנצויזן. די שולן זיינען שוין איצט רעמאַנטירט. מיר זעען די הייזער וואו ס'האָבן גע־וואוינט די באַרימטע ראשעל; דאָס געבורט־פּלאַץ פון דער לעגענדאַרער סאַראַ בערנהאַרד; דאָס הויז פון וויקטאָר הוגאָ, די ראָטשילד סינאַ־גאָגע, אאנד.

מיר פאָרן קיין ווערסאַי. מיר באַזוכן דעם מאַיעסטעטישן פּאַלאַץ פון לואי דעם 14טן. זיין ריזיקע סטאַטוע, רייטנדיק אויף אַ פערד, שטייט ביים אַריינגאַנג פונעם פּאַלאַץ. מיר זעען די פּראַכטפולע גאָרטנס און פאָנטאַנען. מיר באַזוכן די צימערן, וועלכע זיינען באַהאָנגען מיט טעפּיכער, דאָס רוב אָריגינעלע, און באַמאָלן מיט פיינע קונסטווערק. מיר גייען אַריין אינעם באַרימטן סאַלאָן פון די שפּיגלען, וואו קעניג־לעכע בעלער זיינען פאָרגעקומען. וואָס פאַר אַ שיינקייט און רחבות! אָט געפינען מיר זיך אין אַ ווינקל, וואו ס'שטייט אַ שרייבטיש, אַ טינטער און אַ פעדער, וואו ס'איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער שלום־

טראקטאט, אין יאָר 1919, וועלכער האָט די „באַ'עוולה'טע" אָנגערעגט צוצוגרייטן די צווייטע וועלט־מלחמה, מיט 20 יאָר שפּעטער. מיר גייען פון צימער צו צימער און באַוואונדערן די שיינקייט פון זיי און די שאַפונגען—די קינסטלערישע—פון מענטשלעכע מוחות און מענטשלעכע הענט פאַרן פאַרגעניגן בלויז פון געציילטע, וועלכע האָבן געהאַט אַ וויסטן סוף נאָכן אויפברויז פון די מאַסן, וועלכע זיי האָבן אונטערדריקט!

אין רוים

מיר זיינען אין רוים, אין דער לעגענדארער „אייביקער שטאָט", ווי זי ווערט אָנגערופן. די שטאָט, וואָס איז אַ וועלט פאַר זיך: דער מוזעאום פון אַלע ציטן; דאָס לאַנד וואו קונסט איז געבוירן געוואָרן; די שטאָט פון אומפאַרגלייכבאַרע מאָנומענטן. רוים, די שטאָט פון די צעזאַרן; די שטאָט פון מלחמות און אינטריגעס: די שטאָט פון קריסטנטום, מיט אירע קאַרגע פינף הונדערט קירכעס, פון וועלכע, אַן ערך, 450 זיינען קאַטוילישע . . . די שטאָט פון פאַרא ראַמאַנא, וואו „גערעכטיקייט" איז אויסגעטיילט געוואָרן; די שטאָט פון מייקלאַנדזשעלאָ און ראַפאַעל. די שטאָט וועלכע גטעע באַזינגט (אין די רוימישע עלעגיעס):

„דו ביסט אַ וועלט, אוי רוים, נאָר אָן ליבע איז רוים נישט קיין רוים, פונקט ווי די וועלט איז קיין וועלט נישט..."

איך גיי אויף די גאַסן און סקווערן. דאָס אויג פאַרכאַפּט די שיינע פאַנטאַנען, די מאָנומענטן, די קירכעס, די סטאַטועס און די חורבות— אַלץ סמנים פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט געלאָזט דעם חותם אין דער וועלט־געשיכטע . . . דו קוקסט אויף די שיינע סטאַטועס, און דערמאָנסט זיך ווי בייראָן באַזינגט די שטאָט רוים:

„אוי רוים! מיין לאַנד! שטאָט פון דער נשמה!
די הערצער פון יתומים מוזן זיך ווענדן צו דיר,
איינזאַמע מאַמע פון טויטע אימפּעריעס!
קאָנטראָליר אין זייערע פאַרמאַכטע בריסטן זייערע לײדן..."

מיר שטייען אין דעם ריזיקן, מאָדערנעם, באַן־הויף. דער אייןשטאָקיקער בנין, מיט עלעקטרישער באַלייכטונג, וואָס ביינאַכט שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּרעכטיק־קאָלירפול בילד. אינעווייניק: געשעפטן, טעלעפאָן־שטיבלעך, טעלעגראַפן־בודקעס, ציימונגס־שטעלעכלעך, און מענטשן, ווי פליגן, לויפן הין און צוריק. ס'רעשט ווי אויף טיימס סקווער. איך שפּאַציר מיט דעם חבר ב. וואַלד אויף די הויפּט־גאַסן, נאַציאָנאַל, ווענוטאַ. אים „ציט" צו זען דעם האָטעל „עקצעלסיאָר", אין וועלכן ער איז איינגעשטאַנען, בעת ער איז געווען פאַרבונדן אַלס איבערזעצער פונעם נירענבערגער משפּט, איבער די נאַציס . . . מיר גיין פאַרביי די אַלטע, מאַסיווע געביידעס פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַ־

סאַדע. מיר זעצן זיך ביי אַ טישל, אינדרויסן פון אַ קאַפע, ערשט מיר הערן: „האַלאָ, האַלאָ!" מיר קערן זיך אום און דערזען דעם ווייסן קאָפּ פון דעם באַקאַנטן קינסטלער, מאַנע קאַץ. אַן אנגענעמע באַגעגעניש. מאַנע קאַץ האָט, דוכט מיר, דריי אַטעליעס: אין פּאַריז, אין ניו־יאָרק און אין ישראל. שטענדיק איז ער אויף דער פור, און אַזוי ווי פון פּאַריז קיין רוים נעמט בלויז צוויי שעה פליען מיטן עראָפּלאַן, האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט קיין רוים, און מיר האָבן געהאַט אַן אנגענעמע באַגעגעניש.

מיר שפּאַצירן אַוועק אין „פאָרא ראמאנא", דאָס פּלאַץ פון רוימישן סענאַט, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דעם קאָלאָסעאום. מיר גייען איבער די חורבות פון מאָנומענטן, סמנים פון אַמאָליקער רוימישער הערשאַפט, וועלכע איז געשטיגן ביז די העכסטע הויכן און לסוף געפאַלן און אונטערגעגאַנגען. אָט שטייען מיר ביים טיטוס־טויער, וואָס דער סענאַט האָט אויפגעבויט, נאָך זיין טויט, אַלס סימן פון זיין זיג איבער ירושלים . . . אויף די ווענט זעט איר ווי דער עמפּעראָר רייט אויף זיין טריאומף־וועגעלע, און די פּראָצעסיע פון יידישע געפאַנגענע, פון ירושלים, ציט זיך און טראָגן די מנורה פון בית־המקדש . . . איצט, אין יאָר 1960, מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער, שטייט אַן אַמעריקאַנער ייד און לייענט אַראָפּ פון די ווענט פון דעם האַלב־רואינירטן טריאומף טויער פון טיטוסן, די פאַרשידענע אויפשריפטן, פון טוריסטן אויף די ווענט, אין עברית! ווי „טיטוס הרשע", „צורר היהודים" און אַנדערע. איך קען נישט אַוועקגיין ביז דער חבר וואָלד פאָטאָגראַפירט מיך, ווי איך שטיי ביים טויער פון טיטוס הרשע . . . די באַפרידיקונג פון אַ יידן מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער, נאָכן חורבן פון בית־המקדש!

אָט זיינען מיר ביים „גרויסן וואונדער" פון די רוימישע צייטן: דער קאָלאָסעאום. דער ריזיקער אַמפיטעאַטער, וועלכער ווערט נאָך איצט באַוואונדערט מיט זיין גרויסן פאַרנעם און אויסזען, איז אָנגעהויבן געבויט צו ווערן פון וועספּאַסיאַן, אינעם יאָר 72, און איז פאַרענדיקט געוואָרן אינעם יאָר 80, פון זיין זון, טיטוס, מיט די יידישע שקלאַפן, וועלכע ער האָט געשלעפּט פון ירושלים. אַזוי, אַז דער חרוב'ער קאָלאָסעאום, אין וועלכן מיר געפינען זיך איצט, איז איינגעטונקען מיט יידישן שווייס און בלוט . . . דער אָריגינעלער נאָמען פונעם קאָלאָסעאום איז, „פלאַוויאַן אַמפיטעאַטער", נאָר דער פּאָפּולערער נאָמען, אַ סברה,

שטאַמט פון דעם, וואָס דער ריזיקער „נעראָ קאָלאָסוס״ געפינט זיך אין דער געגנט פון קאָלאָסעאום. ס׳איז כמעט נישטאָ קיין פּאַסירונג אין דער רוימישער געשיכטע, וואָס זאָל נישט זיין פאַרבונדן מיטן קאָלאָ־סעאום, וועלכער איז געוואָרן דער סימבאָל פון רוים. נאָך אינעם 8טן יאָרהונדערט, האָט דער אַלטער בעדע געזאָגט: „אַזוי לאַנג ווי דער קאָלאָסעאום איז דאָ, וועט רוים זיין; ווען דער קאָלאָסעאום וועט פאַלן, וועט אויך רוים פאַלן; און ווען רוים וועט פאַלן, וועט די גאַנצע וועלט פאַלן מיט רוים צוזאַמען!״ רוים איז טאַקע געפאַלן, די וועלט גייט נאָך אַלץ אָן, און אויף די חורבות פון איר אַמאָליקער גלאָריע, שטייען איצט אַמעריקאַנער יידן, טוריסטן.

דער קאָלאָסעאום האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון אַ סך מענטש־לעכע קרבנות. דאָ זיינען די רוימער געזעסן אינעם אַמפּיטעאַטער און געפּאַטשט בראַוואָ, ווען די ווילדע חיות האָבן מענטשן צעריסן . . . דאָ זיינען פאָרגעקומען די שפּילן פון די גלאַדיאַטאָרן, מענטש און חיה האָבן געקעמפט איינער קעגן אַנדערן. די שפּילן זיינען וואָס אַמאָל געוואָרן ווילדער: טייכן בלוט זיינען געפלאָסן בעת די שפּילן. און ווען דער גרויסער קיסר קאָנסטאַנטין, דער ערשטער וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, און זיין נאָכפאָלגער, האָבן געוואָלט אָפּשטעלן די בלוטיקע שפּילן, זיינען די רוימער געווען קעגן דעם . . . ערשט אין 4טן יאָרהונדערט, ווען אַ קאַטוילישער מאָנק מיטן נאָמען טעלעמאַכוס, איז אַריין אין דער אַרענאַ און זיך געשטעלט צווישן די גלאַדיאַטאָרן, און אַפּעלירט צום פאָלק אָפּצושטעלן די געפערלעכע, בלוטיקע שפּילן, איז ער פאַרשטיינערט געוואָרן צום טויט, אָבער זיין מאַרטירער־טויט האָט געווירקט, אַז די שפּילן זאָלן מער נישט פאָרקומען . . .

מיר גייען אין דער באַסיליקאַ „סיינט פּעטער אין קייטן״. דאָ זעען מיר, אין אַ גלעזערנער טרומנע, די קייטן מיט וועלכע הורדוס האָט געזאָלט בינדן דעם „הייליקן״ פּעטער. אין דער זייט איז די אָריגינעלע סטאַטוע פון מייקלאַנדזשעלאָ, „משה״, די ביבלישע געשטאַלט, וואָס האָט גערעדט צו גאָט און האָט זיך אומגעקערט מיט די עשרת־הדברות. איר זעט דאָס מאַיעסטעטישע געשטאַלט אין אַ זיצנדיקע פּאָזע, מיט די לוחות אין דער רעכטער האַנט, מיט דער גרויסער באָרד, און די „הער־נער״, וואָס דאַרפן פאַרשטעלן די שטראַלן פון דער גאָט־זעאונג. אויף ביידע זייטן, זעט מען קלענערע סטאַטועס פון רחל און לאה. איר קוקט

אויף דער דאָזיקער קינסטלערישער שאַפונג און כ'דוכט זיך אייך, אַז איר זעט אַ לעבעדיק באַשעפעניש. יעדער שטריך, יעדער קנייטש פון אַ מענטשלעכן קערפּער איז זייער בולט אויף דער דאָזיקער סטאַטוע. אויף איין קני איז פאַראַן אַ ראַנץ. דערציילט מען וועגן דעם אַזאַ מעשה: ווען מייקלאַנדזשעלאָ האָט דערזען זיין ווערק אַ פאַרענדיקטס, איז ער אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דער ענלעכקייט צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אַז ער האָט אויסגעשריען: „דו האָסט אַלע סמנים פון אַ לעבעדיקן מענטשן, נאָר איך הער דיך נישט ריידן. רעד, לאָז מיך הערן דיין שטים!” און ער האָט אַ שליידער געטאָן דעם האַמער און דערמיט צעראַנט די קני פון דער סטאַטוע . . .

ל. לעווינסאָן לעבן מייקלאַנדזשעלאָס „משה” אין דער „סיינט פעטער אין קייטן”, רוים

אַט זיינען מיר אינעם רוימישן פּאַנטעאָן, וואו ס'זיינען באַהאַלטן הערשער און קינסטלער. מיר זעען גלעזערנע טרונעס מיט מתים אין זייער טראַכט, מיט גאָלדענע מאַסקעס אויף די פּנימער, וועלכע ליגן שוין דאָרט יאָרהונדערטער. דאָרטן איז אויך דאָס קבר פון דעם קינסטלער ראַפאַעל. אָט שטעלן מיר זיך אָפּ לעבן דעם באַרימטן פאַנטאַן „די טרעווי", וועלכער איז פאַרבונדן מיט כל־ערליי לעגענדעס. קודם באַוואונדערט איר די קונסט־אַרבעט אינעם הינטערגרונד פון דעם פאַנטאַן: די פאַסאַדע שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן פּאַלאַץ, וואָס איז דעקאָרירט מיט פאַרשידענע סטאַטועס און באַרעליפן אויף קופּעס שטיינער, און דאָס וואַסער שפּריצט פון אַלע זייטן. דאָס וואַסער איז דאָ זייער לויטער און איינע פון די לעגענדעס איז, אַז ווען מ'טרינקט דאָס דאָזיקע וואַסער, אָדער ווען מ'וואַרפט אַריין אַ מטבע אינעם פאַנטאַן, איז מען זיכער זיך אומצוקערן קיין רוים און בכלל זיין מזל'דיק . . .

מיר גייען אין דער אַלטער יידישער געטאָ: פינסטערע, אָפּגעלאָזענע, שמאָלע געסלעך. אָט באַווייזן זיך שוין ליכטיקע און ברייטע גאַסן, מיט גרויסע געשעפטן, דאָס רוב יידישע . . . מיר באַזוכן אַ יידישע שול, אין דער געטאָ, דעם הויפּט־טעמפּל, וואָס איז געבויט אין באַבילאָנישן סטיל אין יאָר 1904. אויסער דעם ארון־קודש אין צענטער, געפינען זיך צוויי ארון קודש'ן אויף דער רעכטער און לינקער זייט, וועלכע זיינען 4 און 5 הונדערט יאָר אַלט. זיי זיינען געבראַכט געוואָרן פון קאַטאַלאָניע (שפּאַניע) און פון סיציליע. די שול איז אַן אָרטאָדאָקסישע און די ווייבערשע שול געפינט זיך אויף אַ באַלקאָן, אין דער הויך. די שול האָט פיר חזנים־רבנים (אַזוי איז דאָ די מאָדע). דערציילט דער שמש: אינדערפרי איז דאָרט פאַראַן „בלויז" צוויי מנינים; אין די פאַרנאַכטן, ווען מען גייט אַהיים פון די געשעפטן, איז פאַראַן מער מתפללים . . . אין דער צייט פון דער מלחמה, זיינען די שולן געווען פאַרמאַכט. יידן האָבן זיך אָבער אַן עצה־געגעבן: מ'האָט אַריינגעשמוגלט צוויי ספר־תורות אין אַ שפּיטאָל און געדאַוונט דאָרט בציבור. אַזוי האָט מען אָפּגענאַרט די נאַציס אין דער גאַנצער צייט פון דער אָקופּאַציע . . .

מיר פאָרן אין וואַטיקאַן. אָט געפינען מיר זיך אינעם „קדשי־קדשים", די גרעסטע און רייכסטע קירכע פונעם „הייליקן פּעטער" אויף דער וועלט, (שמעון), וועלכע שטייט אויף זיין קבר. שוין דער

ריזיקער סקווער, מיט די פאַנטאַנען ביים אַריינגאַנג רופן אַרויס באַ־וואונדערונג. איר שטייט אינעווייניק און באַטראַכט דאָס עשירות פון גאָלד און טייערע איידלשטיינער, וועלכע באַפּוצן די ווענט, און די פילע סטאַטועס און יווזלעך, די אַרבעט פון פאַרשידענע קינסטלער. איר ווערט ממש פאַרגאַפט. אַ הויכער מזבח, אונטער דעם ריזיקן קופּאָל פון מייקלאַנדזשעלאָ, שטייגט אַרויס איבער דעם קבר פון פעטער... 95 נר־תמיד'ן באַלייכטן דעם מזבח. קלענערע עמודים, באַפּוצט מיט כל'ערליי קונסטווערק, געפינען זיך אויף ביידע זייטן, אַרום וועלכע איר זעט כסדר מענטשן תפילה טאָן, אויף די קני. לענגאַויס פונעם דיל איז אָנגעשריבן די גרויס פון יעדער סט. פעטער קירכע איבער דער גאָרער וועלט. די דאָזיקע קירכע איז די גרעסטע.

מיר גייען אַריין אינעם וואַטיקאַן מוזיי. וואָס פאַראַ אוצרות! קונסטווערק פון אַלע צייטן, פון פאַרשידענע שולעס. ווער איז דאָס אומשטאַנד זיי אויסצורעכענען? אָט געפינען מיר זיך אין דער וואַטיקאַן ביבליאָטעק. וואָס פאַראַ יקר־המציאותן! אָריגינעלע תנכ'ן—כתב־יד'ן—די אָריגינעלע גוטענבערג ביבל, אַלץ אָפּגעהיט, אין גלעזערנע שאַפעס. אַרום די ווענט—אָנגעפילטע שרענק מיט ביכער און ספרים—אַ וועלט מיט וויסן! אָט געפינען מיר זיך אינעם באַרימטן סיסטין טשאַפּל, וואו די קאַרדינאַלן קלייבן אויס דעם פּאָפּ, געבויט אין יאָר 1470. אויף די ווענט—פרעסקאָס פון פאַרשידענע קינסטלער, אויף ביבלישע טעמעס, גויאישע אויסטייטשונגען . . . למשל: „דער ברית". אַ מלאך שטעלט אָפּ משה'ן מיט אַ שווערד דערפאַר וואָס ער האָט נישט באַשניטן זיינע קינדער... און ציפּורה פירט דורך די ברית־מילה. די מאַלעריי זעלבסט איז אָבער פאַרכאַפּנדיק. ראַפאַעלס סטיל זעט זיך דאָ שטאַרק אָן. דאָס איז די אַרבעט פונעם קינסטלער פינטוריקיאָ. אַ צווייטע בילד, וואָס ווייזט ווי משה שעפּט אָן וואַסער פונעם ברונעם פאַר יתרו'ס טעכטער; ווי ער פירט די יידן אין דער מדבר; דאָס אַריבערגיין דעם ים־סוף; ווי ער דערהרג'עט דעם מצרי אאוו.

דאָס איז די אַרבעט פון דעם קינסטלער פיליפּי־מאַסיטשעלי (1444־1510). איר זעט אויך אַ געמעל ווי דער שטן רייצט דעם יצר־הרע פון ישו'ן און אַנדערע. דער עיקר פאַרכאַפּט דאָס אויג די סטעליע, געמאָלן פון מייקלאַנדזשעלאָ. זיבן יאָר איז ער געלעגן אויפן רוקן און געאַרבעט אויף דעם דאָזיקן קונסטווערק. איר זעט דאָס ספר בראשית אין ביל־

דער: ליכט און פינסטערניש; די זון און די לבנה; דאָס שפּראָצן פון ביימער און גראָזן; גאָט שאַפט אדמ'ן פון דער ערד; דאָס שאַפן פון חוה'ן. איר זעט אויך ווי אדם און חוה ווערן אַרויסגעטריבן פון גן־עדן; די שלאַנג, דעם עץ־הדעת, אאַוו. איר זעט נח'ן, דעם מבול; פאַרשידענע נביאים: יונה, דניאל, ישעיה, זכריה, יחזקאל, ירמיה, אַלע אַרומגערינגלט מיט פאַרשידענע רוחות און מכשפה'ס... איר זעט אויך דאָס קרוין־ווערק פון מייקלאַנדזשעלאָ: „דער לעצטער משפט", די פאַנטאַזיע פונעם קינסטלער געמאָלן אין פאַרבן, גאָט דער באַשעפער און דעם צעשטערער, ווען ער ווערט דערצאָרנט . . . איר קענט די אויגן נישט אָפּרייסן פון די קונסטווערק פון אַ געניאַלן שעפער!

מיר פאָרן אין טיוואלי, אַ האַלבע שעה רייזע פון רוים. מיר פאָרן באַרג־אַרויף, ווייל דאָס שטעטל געפינט זיך 1200 פיס איבערן ים־פלאַך. מיר קומען אין דער „ווילא ד'עסטא", די זומער־היים פון קאַרדינאַל איפּאָליטאָ ד'עסטא, אַ זון פון דער מערדערין לוקרעציא באָרדזשיא. דאָס האָט ער זיך אויפגעבויט די היים פאַרן זומער: אַ דריי־שטאָקיקער בנין, מיט 48 צימערן און 350, יאָ, דריי הונדערט מיט פופציק, פאַנטאַנען, פון פאַרשידענעם אויסזען, וואָס ציען זיך באַרגאַראָפּ פונעם הויז און אַרום דעם הויז. איר גייט אַראָפּ פיל טרעפּ, שפּאַצירט דורך פאַרשידענע אַלייען, פול מיט גרינע בוימער און פאַנטאַנען. די ביימער פאַרשטעלן די זון און די פאַנטאַנען מאַכן קיל די לופט, ס'איז אַ מחיה דאָרט צו שפּאַצירן. איר זעט פאַנטאַנען מיטן אויסזען ווי אַן אָרגל, אַ פאַנטאַן, פון די וועלכן דאָס וואַסער שפּריצט אַרויס מיטן אויסזען פון אַ פּאַווע, אַ פייער־שפּייענדיקן באַרג, סתם אַ וואַסערפאַל, אַ פאַנטאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ מזבח, אאַוו.

איר קלעטערט אַרויף אויף די פיל טרעפּ צום אַרויסגאַנג און טראַכט: די וואוילטאָגן, וואָס איינצלנע, „הייליקע" מענטשן האָבן זיך פאַרשאַפט אויף דער „זינדיקער" ערד . . . וויפל מענטשן האָבן געשקלאַפט אויפצובויען די דאָזיקע פּראַכטפולע זומער־היים פאַרן „הייליקן" קאַרדינאַל?

די דאָזיקע „ווילא ד'עסטא" איז געבויט געוואָרן אינעם יאָר 1542; דער אַרכיטעקט איז געווען אַ תלמיד פונעם גרויסן מייקלאַנדזשעלאָ, פּיערא ליגאַריא.

מיר פאַרלאָזן רוים. דער „אל־על" שטאָלענער פויגל, פליט מיט אונדז קיין מדינת ישראל!

די ערשטע איינדרוקן אין ישראל

ווען איר באזוכט די אלע היסטארישע פלעצער אין ישראל, וואס זיינען אייך אזוי גוט באקאנט פון לערנען און פון די יידישע תפילות, איז דאס פאר אייך א געוואלדיקע איבערלעבונג. ס'דוכט זיך, אז די פלעצער זיינען דאך אייך אזוי גוט באקאנט, און דאך נעמט אייך ארום א מערקווירדיק־אנגענעם געפיל, איך וואלט זאגן: א הייליק געפיל, א געפיל פון זכיה; איר האט זוכה־געווען מיט אייערע אויגן צו זען די דאזיקע פלעצער, און באטרעטן דעם דאזיקן באדן מיט אייערע פיס; איר שטייט אויף פלעצער, וואס זיינען יארטויזנטער אלט, און זיינען פארהייליקט געווארן אין פאלק, דורך תפילות, אין וועלכע ס'איז אויס־געדרוקט געווארן די בענקשאפט, אז זיי זאלן זיך ווידער אומקערן אין יידישע הענט . . . און איר, פונעם טראגישן דור, וואס האט דורכגע־מאכט אזוי פיל מלחמות, רעוואלוציעס און דעם „דריטן חורבן", פאר־אורזאכט פון די נאצישע חיות, ימח־שמם,—איר געפינט זיך אויף די דאזיקע פלעצער, וועלכע זיינען צוריק אין יידישע הענט! איר באטראכט זיי מיט דרך־ארץ און מיט געמישטע געפילן פון ציטער, טרויער און פרייד!

נאך מער איבערלעבונג און באוואונדערונג איז פאר אייך די גרינע פעלדער, גערטנער און סעדער, וועלכע איר זעט בסדר ארומפארנדיק איבערן לאנד; איר זעט זיי טיף אין לאנד און ארום די גרעניצן, וועלכע רינגלען ארום דאס לאנד . . . די באוואונדערונג ווערט נאך גרעסער, ווען איר דערקונדיקט זיך, אז די גרין־באדעקטע פעלדער זיינען, נישט לאנג צוריק, געווען זומפן און מדבריות'ן, אנגעפילט מיט פארשידענע פעסטן, און בלויז מענטשלעכע הענט און עקשנות האט דאס פארוואנדלט אין בליענדיקע פעלדער און גערטנער, וואס גיבן ארויס פירות און ירקות פאר מענטשן צו דערהאלטן דאס לעבן. די חלוצים פון די דאזיקע בליענדיקע פעלדער און סעדער, זאגט מען—און דאס איז נישט קיין גוזמאות—האבן געגעסן מאלאריע פאר פרישטיק, דיזענטעריע פאר מיטאג און כינין (קווינאין) פאר אוונטברויט". בלויז זייער עקשנות און אויסדויער האט אלץ גובר־געווען.

דער קלימאט אין ישראל איז ענלעך צום קלימאט פון אריזאנא. איז דערפאר וואסער דארט א וויכטיקער ארטיקל. זעט איר דעריבער איבע־

ראַל רערן פון וועלכע ס׳שפּריצט אַרויס וואַסער אויף די פעלדער, גע־טריבן אַהין פון צענטראַלע וואַסער פּראָיעקטן; איר זעט די אַרבעט פון מענטשלעכער גאונות און פּראַצע, אין קאַמף מיט דער נאַטור, און ווי דער מענטש האָט לסוף מנצח־געווען.

איר באַוואונדערט אויך דעם שנעלן טעמפּאָ פון בויען הייזער אין ישראל. אין אַלע גרעסערע שטעט, ירושלים, תּל־אביב, חיפה און אין די שכנות׳דיקע קלענערע שטעט, זעט איר נייע הייזער, וואָס זיינען נישט לאַנג צוריק אויפגעבויט געוואָרן; הייזער פון עטלעכע שטאָק, טייל אַפילו מיט עלעווייטאָרס. אַרום אַ סך פון די הייזער זעט איר נאָך אַפילו סמנים פון די אַמאָליקע בלעכענע ביידלעך, די מעברות, וועלכע זיינען שוין צום גרעסטן טייל, פאַרשוואונדן. אַרום די מערסטע הייזער זיינען אַפילו די שטעגלעך נישט ברוקירט. און אַז איר פרעגט: „היתכן? ס׳איז דאָך שטויביק". איז דער ענטפער, אַז קודם איז נויטיק אַ פּלאַץ „וואו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן". דאָס איבעריקע וועט קומען שפּעטער. איר פאַרשטייט עס און זייט מסכּים.

* * *

איצט לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר איבערן לאַנד.

מיר פאָרן אין דער ריכטונג פון רמת־גן, בני־ברק און פּתח־תּקוה. מיר פאָרן פאַרביי די הקריה, וואָס איז געווען די רעגירונגס אָפּיסעס זינט דעם יאָר 1948, ביז ירושלים איז דערקלערט געוואָרן אַלס די אָפיציעלע הויפּט־שטאָט פון ישראל. מיר פאָרן אַריין אין אַ שטעטל מיט גערטנער און פּאַרקס, וואָס האָט אויך אייניקע וויכטיקע אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען — רמת־גן. מיר זעען דאָ די פאַבריק פון שאָקאָלאַד, פון דער גרויסער ישראל־פירמע „עלית". מיר זעען אַ פּלענט וואו מען מאַכט סירופּ און מען פרעזערווירט וועדזשעטייבלס און פּרוכטן און אַנדערע. מיר זעען אויך, אַנטקעגן דעם פּאַלים סטיישאָן, אַ מאָנו־מענט, לזכרון דוב גרונער, אַ מיטגליד פון א״צל (אירגון צבאי לאומי), וועלכער איז געכאַפּט געוואָרן פון די ענגלענדער, בעת ס׳איז אַטאַקירט געוואָרן דער פּאָלים־סטיישאָן. ער איז הינגעריכטעט געוואָרן אין יאָר 1947, אין עכו־טיורמע. די סטאַטוע איז אין דער פאָרם פון צוויי לייבן: דער גרויסער בריטישער לייב און דער קליינער לייב פון יהודה. אויפן מאָנומענט זעט איר אַן אויפשריפט: „עטלעכע קעגן אַ סך". אָט

גייט איר פאַרביי אַ שיינעם פּאַרק, וואָס רופט זיך: „גן־אברהם" און אין אים אַ מאָנומענט נאָך די געפאַלענע זין און טעכטער אין דער באפרייאונגס־מלחמה. נישט ווייט פון דאָרטן זעט איר אַ באַנק, אויף וועלכער דער פּאָעט ח. נ. ביאַליק האָט ליב געהאַט זיך אָפּצורוען, וואָס דערמאַנט אייך אין דער באַנק פון באַרוך, אין סענטראַל פּאַרק, אין ניו־יאָרק . . .

אויסער דער שטאָט, זעט מען דעם „נאַפּאַלעאָן באַרג", וואו ער האָט, אין יאָר 1799, געהאַט זיין קעמפּ מיט דער אַרמיי, בעת ער האָט באַלאַגערט די שטאָט יפו. איר זעט אויך דעם שיינעם ירקון טייך און פאַרלאָזענע וואַסער־מילן, וועלכע די אַראַבער האָבן אַמאָל גענוצט אויף צו מאָלן זייערע תבואות. אויפן וועג פון רמת־גן קיין הרצליה, זעט איר דעם סטאַדיום, די גרעסטע ספּאָרטס אַרענאַ אין ישראל.

מיר פאָרן אַריין אין בני־ברק, אַ שטעטל וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אָרטאָדאָקסישע, פּוילישע יידן, אינעם יאָר 1924. בני־ברק ווערט דערמאַנט אין יהושוע אַלס איינע פון די שטעט פונעם שבט דן; בני־ברק, די שטאָט פון רבי עקיבא און בר־כוכבא. אַרום דער שטאָט איז אַלעמאָל געווען פּרוכטבאַר לאַנד. פאַראַן אַן אגדה וועגן בני־ברק, אַז אַ מענטש איז אַמאָל דאָרט פאַרבייגעפאָרן און געזען ווי די ציגן פּיטערן זיך אונטער די פייגן־ביימער און דער האָניג זאַפט פון די פייגן מישט זיך אויס מיט דער ציגן־מילך, האָט ער פון באַגייסטערונג אויסגערופן: „יאָ, דאָס איז באמת דאָס לאַנד פון וועלכן ס'טריפט מילך און האָניג!"

אין בני־ברק ווערט אָנגעהאַלטן דאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט. ס'זיינען דאָ פאַראַן אַ צאָל ישיבות, באַזונדערס דער המשך פון פאָנע־וועזש, די פאָנעוועזשער ישיבה. (דער אָנפירער, הרב כהנמאַן, אַרבעט איצט זייער ענערגיש אויף צו בויען אַ מאָנומענט, לזיכרון די יידן־קדושים פון ליטע). נישט ווייט פון דאַנען, נעענטער צו רמת־גן איז דער בר־ אילן אוניווערזיטעט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער מזרחי, וואו מ'לערנט וועלטלעכע און רעליגיעזע לימודים.

מיר פאָרן קיין פתח־תקוה. מיר זעען דעם גרויסן ביילינסאָן שפּי־טאָל פון דער הסתדרות. ביים אַריינפאָר אין שטאָט זעט מען אַ גרויסן טויער, מיט דריי טויערן — אַ מאָנומענט אין אָנדענק פונעם „נדיב הידוע", באַראָן עדמאָנד דע־ראָטשילד, וועלכער האָט געהאָלפן דער

קאָלאָניע פון ציטרוס־פּרוכטן, אין די יאָרן פון איר גרינדונג. זי ווערט אָנגערופן: „אם־המושבות״—די מאמע פון די קאָלאָניעס, געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1878.

מיר פאָרן פאַרביי, און שטעלן זיך אָפּ, ביים ירקון וואסער פּראָיעקט. ביי די ברעגעס פון „ראש־העיין״ זעען מיר אַ גרויסע וואסער פּאָמפּע, וואָס טרייבט וואסער דורך רערן, דורכן דרום, צום נגב—אַ שטרעקע פון אַן ערך 65 מייל. דער וואסער פּראָיעקט איז איינער פון די גרעסטע אין ישראל, ברענגט ניי־לעבן אינעם נגב און העלפט זייער אַ סך צו קולטיווירן דעם מדבר אין פאַרוואַנדלען אים אין פרוכטבאַר לאַנד. דער ירקון פליסט קיין מערב, פאַזע תל־אביב, אַריין אינעם מיטל־לענדישן ים.

מיר פאָרן אַרום די פליינען פון שרון, פאַרביי „בית בערל״ (קאַצע־נעלסאָן), אַ קולטור צענטער פאַר יוגנטלעכע, לזכרון דעם גייסטיקן פירער פון די פּועלי־ציון. מיר שטעלן זיך אָפּ אין כפר־בתיה״, אַ דאָרף פאַר קינדער, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער פרויען מזרחי פון אַמעריקע. דאָס איז אַ שול אין וועלכער מ׳דערציט קינדער צו ווערן ערד־אַרבעטער. די קינדער לעבן דאָ כסדר. גייען אין שול, עסן און טרינקען, פאַרוויילן זיך, אאוו. מען גרייט זיי אויך צו פאַר די אַגרי־קולטור שולן. אַלץ ווערט געטאָן אויף אַ פּריוויליקן אופן. די עלטערן וואָס שיקן אַהער די קינדער, ווייסן וואוהין זיי שיקן די קינדער. מיר גייען אַרום דאָס דאָזיקע „דאָרף״ און באַוואונדערן ווי די קינדער לויפן פריילעכע אין דעם גרויסן עס־צימער. מיר באַטראַכטן די פיל פרוכט־ביימער און די כל־ערליי גרינסן אויף די פעלדער. מיר קוקן מיט הנאה אויף די קינפטיקע יידישע פּויערים און פּויערטעס, וואָס וועלן באַ־אַרבעטן דעם באָדן אין ישראל און אַרויסקריגן די פרוכטן פון די פעל־דער דורך וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן.

מיר פאָרן אַרום די הרי יהודה, פאַרביי „משמר דוד״, לזכרון דעם אַמעריקאַנער קוירנעל דייוויד מאַרקוס, וועלכער איז געפאַלן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. מיר בלייבן שטיין ביי רמלה און באַוואונדערן דעם מיטלאַלטערלעכן טורעם, וואָס איז געבויט געוואָרן פון מוסולמע־נער, אין 14טן יאָרהונדערט, אַלס אַ מינאַרעט פאַרן גרויסן מאַסק, וואָס געפינט זיך אין דער שטאָט. איצט איז די מאַיאָריטעט איינוואוי־נער—יידן.

מיר פֿאָרן אויף דעם נייעם וועג קיין ירושלים. מיר פֿאָרן פֿאַרביי די אַמאָליקע שטאָט צורה, וואו שמשון־הגיבור איז געבוירן געוואָרן; דעם „יער־הקדושים", אַ מאָנומענט נאָך די זעקס מיליאָן אומגעקומענע דורך די נאַצים . . . מיר זעען אויף די בערג, ביי די וועגן, ליגן צע־שאָסענע טראָקס און דערביי ווייסע שטיינער מיט אויפשריפטן. מיר שטעלן זיך אָפּ לעבן „כפר אשתאול" און שפּעטער, ביים „דרך בורמאַ" און באַקענען זיך מיט פֿאַלגנדיקס:

אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, זיינען פֿון די בערג די טראָקס מיט די פּראָוויאַנטן צעשטערט געוואָרן, און זייערע אָנטרייבער, דערהרג'עט געוואָרן פֿון אַראַבישע „סנייפּערס". די דאָזיקע טראָקס ווערן כסדר באַדעקט מיט פרישע פֿאַרבן, בכדי זיי צו פּרעזערווירן, זיי זאָלן בלייבן סמנים פֿון העלדישקייטן פֿאַר דורות. אויף די ווייסע שטיינער זיינען אָנגעשריבן די דאַטעס פֿון די פּאַסירונגען . . . אין די יאָרצייטן פֿון די העלדן, ווערן אויף די דאָזיקע פֿלעצער דורכגעפירט אזכרה'ס, לזכרון די געפֿאַלענע העלדן. דאָס שטיקל וועג ביז ירושלים, איז געווען אין די הענט פֿון די אַראַבער. האָבן זיך די טראָקס מיט די פּראָוויאַנטן דאָ אָפּגעשטעלט, און מענער, פרויען און קינדער, האָבן געקלעטערט אויף די געשלענגלטע בערג, אָנגעפּילט מיט שטיינער, אונטער דעם האָגל פֿון אַראַבישע קוילן, באַרג־אַראָפּצו, אויף דער אַנדערער זייט, וואו ס'האָבן געוואַרט די טראָקס פֿון ירושלים. אַזוי אַרום איז דערגרייכט געוואָרן דאָס פּראָוויאַנט צו דער באַלאַגערטער ירושלים. די העלדישקייט איז פֿאַר־צייכנט טאַקע אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, אויף אַ ספּעציעלער שילד. אַ ספּעציעלע מאַרקע, אין אָנדענק פֿון די דאָזיקע העלדן פֿונעם „בורמאַ וועג" און דאָס דעראָבערן די וועגן קיין ירושלים, אין דער מלחמה פֿון 1948, איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פֿון דער ישראל רעגירונג, וועלכע אַנט־האַלט די שפּיצן פֿון די בערג, די שטאָט ירושלים, אירע ווענט און דער טורעם פֿון דוד המלכ'ס קבר. מיר פֿאָרן פֿאַרביי „בית־שמש" און „קרית יערים", וועגן וועלכע ס'ווערט דערציילט, אין ספר שמואל, ווי די פּלישתים האָבן אומגעקערט דעם ארון אין „בית־שמש" און דער ארון „איז געטראָגן געוואָרן קיין קרית יערים", און נאָכדעם קיין ירושלים, פֿון דוד המלך". מיר געפֿינען זיך ביים פּלאַץ וואו „מלכות יהודה און מלכות ישראל האָבן געקעמפֿט איינס קעגן דאָס אַנדערע (מלכים) און אייערע געדאַנקען פֿירן אייך צוריק, אַן ערך טויזנט יאָר פֿאַר דער איצ־

טיקער צייט־רעכענונג . . . מיר זעען „קרית אנבים", דאָס דאָרף פון וויינטרויבן, איינע פון די ערשטע קבוצה'ס, געבויט אויף שטיינערנע בערג, וואָס האָט באַוויזן איר צו פאַרוואַנדלען אין אַ בליענדיקן וויינ־גאָרטן. „קרית אנבים" האָט אויך איר חלק פון העלדן אין דער מלחמה פון 1948—אַ בית־עולם מיט אַ ריזיקן מאָנומענט, לזכרון די קעמפּער פון דער פּלמ"ח בריגאַדע „הרל", וועלכע זיינען געפאַלן אויף די בערג פון ירושלים. אויפן שפּיץ פונעם מאָנומענט זעט איר דעם פּלמ"ח־עמבלעם. מיר פאָרן פאַזע דער ירדן טעריטאָריע. אַנטקעגן זעען מיר דעם הר־הצופים, די סילועטן פון אַלטן העברייאישן אוניווערזיטעט, דעם הדסה־שפּיטאָל, וועלכע ווערן געהיט פון יידישע וועכטער, אָבער קיין אַקטיוויטעטן ווערן דאָרטן נישט אָנגעפירט . . .

מיר פאָרן אַריין אין דער שטאָט פון דוד המלך, ירושלים, און מיר פאָרן באַזוכן דוד המלכ'ס קבר. מיר קלעטערן אויף געדרייטע וועגן און שטעגן, און טרעפּ, אַרויף אויפן הר־ציון, ביז מיר קומען אָן צו אַן אַלטן בנין. אין פראָנט געפינט זיך אַ הויכע מנורה, מיט עלעקטרישע לאָמפּן. אויף דעם פּלאַץ וועט אַלע יאָר, ערב דעם יום־העצמאות, אָפּ־געריכט די הזכרה נאָך די געפאַלענע מלחמה־העלדן, אָנגעפירט פונעם נשיא פון דער מדינה, און אין אָוונט ווערן אַרויסגעשיקט די סיגנאַלן איבערן לאַנד אָנצוהייבן די יום־העצמאות פייערונגען. מיר גייען דורך אַ טונקעלן הויף און, נאָך עטלעכע צימערן וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון היילן, קומען מיר אַריין אין אַ טונקל־באַלויכטן חדר, ביי דער וואַנט: אַ גרויסער פלאַכער שטיין—די מצבה אויפן קבר דוד. יידן שטייען און זאָגן תהלים: ביי די זייטן ברענען חלב'נע ליכט. איבערן קבר שטייען צוועלף קרוינען, פון ספרי־תורות, וואָס דאַרף סימבאָליזירן די 12 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. דער עולם איז שטיל און שטייט ביים קבר מיט ערפורכט. טייל שעפּטשען שטילע תפילות אויף דעם פּלאַץ, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן פון יידן פאַר יאָרטויזנטער... אין אַ צווייטער הייל זעען מיר אַ מוזיי געווידמעט די זעקס מיליאָן קדושים . . .

אָן וועלכע ס'איז באַפּוצעננען, אַרום די טונקעלע ווענט, ליגן גלעזערנע קעסטלעך מיט צעריסענע ספרי־תורות, געבראַכט פון נאַצישע באַהעלטענישן, כתר־תורה'ס, העמדער געמאַכט פון יריעות, „ריינער יודן־זייף" אאַ"וו . . . אויף די ווענט הענגען מצבות נאָך אומגע

מצבה דער שטאָט לובלין, אינעם מוזיי ביים קבר פון דוד המלך, הר־ציון

קומענע יידישע קהילות . . . מיר וואַרפט זיך אין די אויגן די מצבה פון מיין שטאָט לובלין, די שטאָט פון גדולי היהדות והתורה—טייל מיינע זיידעס; די שטאָט פון „ועד ארבע הארצות״; די עיר ואם בישראל—אַ מצבה לזכרון די פופציק טויזנט קדושים . . .

דער צווייטער שטאָק פון דעם בנין איז אויך פאַרהייליקט פון די קריסטן. דאָ זאָל ישו האָבן געגעסן זיין „לעצטן אָוונט־מאָלצייט״, מיט זיינע חסידים...

מיר פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ אָנגעפּילט מיט הייליקן ציטער און טרויער צופוסנס פונעם הר־ציון, זעען מיר דעם „גהנום", דאָס פּלאַץ פון געטשקעס, פון די קינדער־קרבנות, קעגן וועלכן ירמיה האָט געשריען... מיר זעען די קאַלווארי קירכע, וואו ישו האָט באַדאַרפט האָבן אויפגעשטאַנען תחית־המתים . . . איוב'ס ברונעם, זכריה'ס קבר, אין אַלט ירושלים (אויף דער ירדן זייט). באַרגאַראָפּ פון הר־ציון, זעען מיר אויך „ימין־משה"—דאָס מאָנטעפיאָרע קוואַרטאַל, דאָס ערשטע הויז וואָס איז געבויט געוואָרן אין 1860, מחוץ די טויערן פון אַלט־ירושלים. דער מאָנטעפיאָרע קוואַרטאַל האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, און טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַרומגערינגלט פונעם שונא, האָט מען דאָך אויסגעהאַלטן, לאַנגע חדשים. זיינע העלדן זיינען אַלע דעקאָרירט געוואָרן נאָך דעם וואַפנשטילשטאַנד.

אין ירושלים

ירושלים, די עיר־הקודש, די שטאָט וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן פון פיל רעליגיעס, איז אַ שטאָט פון קאָנטראַסטן. די שטאָט פאַרמאָגט 430 אָרטאָדאָקסישע שולן און דאָך, איז זי, צום גרעסטן טייל, אַ מאָדערנע און וועלטלעכע שטאָט.

שבת איז דער אָפיציעלער רו־טאָג אין ישראל. קיין אויטאָבוסן גייען נישט אום שבת. פריוואַטע אויטאָמאָבילן און טעקסיס פאָרן אָבער פריי אום שבת. (נישט אין מאה־שערים, פאַרשטייט זיך). די געשעפטן זיינען געשלאָסן. טייל רעסטאָראַנען און סאָדאַ סטענדס זיינען אָפן. אַ מאָדערנע קונסט־אויסשטעלונג, וואו מ'רעכנט איינטריט־געלט, איז אָפן. איר קענט אָבער זען, אום שבת, די גאַסן אַרום דער גויאישער „וואַי" (יאָנג מענס קריסטשען אַסס'ן), געדיכטע שרענגעס יידיש יונג־וואַרג גיין פון אַ פוטבאָל גיים, שטאָלצע, מיט פאַררייסענע קעפּ . . . טייל גייט אַפילו אַריין אין דער הויז פון דער איידעלער רביצן הערצאָג, גוט שבת ביטן און טועם־זיין פון די מזונות און וויין, וואָס געפינט זיך אויפן טיש פאַר די שבת־געכט.

מערקווירדיק איז דער איינדרוק אויף איינעם וואָס באַזוכט דעם „מאה־שערים" קוואַרטאַל דאָס ערשטע מאָל. נישט די גרויסע צאָל רעליגיעזע מוסדה'ס, און אויך נישט די פוילישע יידן, מיט זייערע ספּעציפישע קליידער . . . נאָר דער עיקר: די קרומע געסלעך און דער געמיש פון יידן פון אַ סך לענדער, וואָס גיט דעם געגנט אַ באַזונדערן קאָלאָריט. (אַז איר זעט אַ יידן טראָגן אַ קוויליטש אין בוזים, אויף שבת, אָן אַ שטיקל פּאַפּיר, מאַכט עס אויף אייך נישט קיין באַזונדערן איינדרוק, ווייל איר האָט דאָס שוין געזען אין פּאַריז, וואו מענער און פרויען האָבן געטראָגן לאַנגע ברויטלעך, ווי די שטעקנס, אין די הענט, נישט איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר אַפילו, ווייל דאָס איז אַ טייער אַרטיקל) . . . איך אימפּאָנירט אָבער די עקזאָטישקייט פון דעם דאָזיקן קוואַרטאַל.

מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ שפּאַציר, אַ פרייטיק פאַרנאַכט, אין די פאַרשידענע בתי־תפילה. קינדערלעך באַגריסן אייך מיט אַ „שבת־שלום!". אַ ייד פאַרצייכנט עפּעס אין נאָטיץ־ביכל און די זעל־

ביקע קינדער שרייען צו אים: „לא, לא!" ס'הייסט, אז מ'טאָר נישט, ס'איז שוין שבת...

די פוילישע יידן, אין זייער שבת'דיקן טראַכט: די לאַנגע זיידענע קאַפּאָטעס, די ברייטע גאַרטלען און די שטריימלעך אויף די קעפּ, די פּיצלעך קינדער מיט די לאַנגע פּאות; די שטיבלעך מיט די לאַנגע טישן און בענק, קענט איר אַפילו זען אויך אין ניו־יאָרק. אָבער די פּערסישע יידן, די תימנ'ער, די בוכאַרער—דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

מיר זיינען דאָך אַריין, צום ערשטן, אין אַ פּויליש שטיבל. מיר באַגעגענען אַ גרייז־גרויען זקן אַריינקוקן אין אַ ספר. מיר גיבן אים אָפּ שלום און דערציילן אים ווער מיר זיינען. אַז ער דערהערט, אַז מיר זיינען שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר אין אַמעריקע, עפנט ער אויף אַ ספר'ל אונדז צו פאַרהערן . . . נאָכן איבערלייענען אַ שורה, רופט ער אויס, אויף זיין פּוילישן יידיש:

—עץ זענט דאָך טאַקע יידן. אפנים, אַז מ'קען אויך זיין אַ ייד אין אַמעריקע . . . ער דערציילט אונדז דערווייל, אַז ער האָט אַ ברודער אין אַמעריקע, „נישט ווייט פון נעוויאָרק, אין קאַלאָראַדאָ"... „שוין נישט געהערט פון אים אַריבער דרייסיק יאָר. מסתמא געוואָרן אַ גוי", פאַרענדיקט ער.

מיר נעמען זיך אָן מיט מוט און פרעגן אים, צי באַלאַנגט ער צו די נטורי־קרתא. —חס־ושלום!—שרייט ער אויס,—מיר זיינען מיט דער ממשלה. אין דער מלחמה האָבן מיר צוגעטראָגן אונדזער חלק. יעדערער לויט זיינע כוחות, פאַרשטייט זעך. יידן האָבן געדאַוונט מיט דער ביקס אין דער האַנט... השם־יתברך זאָל נאָר העלפן, אַז אונדזערע שונאים זאָלן האָבן מיט זיך צו טאָן, וועלן זיי אין אונדז פאַרגעסן...

מיר באַזוכן אַ שול פון די פּערסישע יידן. ס'וואַרפט זיך אייך אין די אויגן צוויי ארון־קודש'ן, און אין צענטער זעט איר אַ שילד, אַז די דאָזיקע שול איז לזכרון דעם „חאדזש", דאָס איז שוין עפּעס ניי, דאָס שמעקט שוין מיט עקזאָטיק. איר ווערט געוואויר אַט־וואָס:

די דאָזיקע יידן האָבן אויך געלעבט ווי די אנוסים אין שפּאַניע. אין דעם ארון־קודש האָבן זיי געהאַלטן דעם „קאראַן", אָפּצונאַרן דעם אינספּעקטאָר, וועלכער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין שול . . . אין

געהיים אָבער, האָט מען געהאַט דעם אמת'ן ארון־קודש, מיט די ספרי־תורות. דער „חאדזש" איז געווען דער פאַרטרעטער ביי דער רעגירונג (אין געהיים איז ער געווען אַן ערלעכער ייד). דערפאַר איז די שול געווידמעט זיין אָנדענק. איר זעט אויך ווי מען באַנוצט און באַשמעקט דעם שבת דאָרט. מיט אַ ספּעציעלער פלאַנץ רייבט מען איין די הענט. דער אַראָמאַט איז ווי פּאַרפום. מען הענגט די דאָזיקע פלאַנץ אויך אוים אין דער שול. אויך דער געבוי פון דער שול איז אייגנאַרטיק. איבער די פענסטער, האַרט לעבן דער סטעליע, זעט איר קליינע, רונדע פענסטערלעך, אַ זכר פון די אַמאָליקע קעלערן זייערע, וואו זיי האָבן מתפלל־געווען אין געהיים . . .

מערקווירדיק איז דאָס דאַוונען פון די תימנ'ער יידן. הגם זיי האָבן בענק אַרום די ווענט, זיצן זיי די פיס פאַרליינגט, אַזוי ווי זיי פלעגן זיצן אויף דער ערד, אין תימן . . . גאָר כאַראַקטעריסטיש איז דאָס שאָקלען זיך ביים דאַוונען זייערס: ס'איז גאָר דער היפוך פון די רוסיש־פּוילישע יידן, וואָס איז אונדז באַקאַנט. עס דוכט זיך אייך, אַז זיי רייטן אויף קאַראַוואַנען פון קעמלען—אַרויף און אַראָפּ. אויך זייער געזאַנג קלינגט ווי אַראַבישע ניגונים אין דער מדבר. אויך די בוכאַרער יידן זעט איר אין אייגענעם טראַכט, מיט די קאַראַקאַלענע היטלען און טעפּיכער אויף די דילן.

גייט איר אָבער אַרויס פון מאה־שערים קוואַרטאַל, זעט איר שוין אַ מאָדערנע שטאָט מיט מאָדערנע הייזער, אינסטיטוציעס, האָטעלן, רעסטאָראַנען, טעאַטערס, באַנקען, אאוו.

איר שפּאַצירט אויף רחוב מלך דזשאָרדזש החמישי, און איר באַזוכט דעם כנסת־בנין. דער היטער ווייזט אייך אָן וואו אַלע מיניסטאָרן זיצן און וואו יעדער פּאַרטיי פאַרנעמט איר פּלאַץ, און דערביי רעכנט ער אוים די צאָל פּאַרטייען פון די 120 דעפּוטאַטן . . . אין דרויסן זעט איר אַ ריזיקע בראָנזענע מנורה, דער עמבלעם פון דער מדינה, מיט 29 קינסטלערישע סקולפּטור־אַרבעט פון דעם סקולפּטאָר ב. עלקאַן. היסטאָרישע געשעענישן בנוגע דעם יידישן פאָלק. אָנהייבנדיק פונעם טראַדיציאָנעלן „שמע ישראל", זעט איר געשטאַלטן און געשעענישן ווי משה, רחל, רות, יחזקאל, ישעיה, רבי יוחנן בן זכאי, עזרא, אברהם, איוב, בבל, שפּאַניע, אַזוי ביז די חלוצים פונעם איצטיקן ישראל און

ל. לעווינסאָן לעבן דער בראָנזענער מנורה ביים כנסת־בנין, ירושלים

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. (אגב, די דאָזיקע מנורה איז אַ מתנה פון ענגלענדער צו די יידן) . . . הינטערן כנסת, זעט איר דעם באַרימטן בצלאל־מוזיי. אָט זייט איר צוריק אויף קינג דזשאָרדזש גאַס און איר זעט די סוכנות (אגענץ), אַ מלוכה פּאַר זיך, מיט אַ שומר ביים אַריינגאַנג. יונגע מענער און פרויען לויפן אַריין און אַרויס. איר גייט אַריין אין קרן־קימת בנין און איר זעט דעם ספר־הזהב און דאָס „חדר הרצל", אַ רעפּליקע פון זיין אַרבעטס־צימער, אין ווין, וואו ער האָט געשריבן זיין „יודנשטאַט". אויף דער זעלביקער גאַס געפינט זיך אויך די גרעסטע און שענסטע ישורין שול, אין ירושלים.

אָט געפינט איר זיך שוין אויף דער בן־יהודה גאַס, וואָס איז פול מיט געשעפטן, צייטונגס־קיאָסקן, באַנקן און וואָס נישט? איר פאָרט צו צום מאַנדלבוים־טויער, וואו די יו־ען וואַך היט די גרעניץ, און פונקט אַנטקעגן זיי פלאַנצט אירביימער, אין יער סנהדריה... אָדער איר באַזוכט דעם נייעם העברייאישן אוניווערזיטעט, מיט די פיל בנינים. איר זעט ווי ס'בויט זיך דער נייער הדסה מעדיקאַל צענטער, דער נייער כנסת־בנין. איר באַזוכט דעם באַרימטן דוד המלך האָטעל, און דער־לעבן—די הייל, וואו עס זאָלן זיין די קברים פון הורדוס'ס פאַמיליע. (דאָס זאָל זיין דער מאָנומענט, וואָס ווערט דערמאָנט פון יוסף פלאוויוס אין זיין „מלחמות פון די יידן"). אָדער איר פאָרט אַרויף אויפן טורעם פון דער „וואַי" (י. מ. ק. א.) און איר זעט די „פּאַנאָראַמע ירושלים", פון אַלע פיר זייטן. אַפילו דעם טייל פון דער אַלט־שטאָט, וואָס גע־פינט זיך אין די הענט פון די ירדנער . . . דעם כותל, דעם הר־הצופים, הר־הזתים אאַוו. איר זעט אויך די פיל קריסטלעכע מאָנאַסטירן און בתי־תפילה, וואָס זיינען עקס־טעריטאָריאַל, און ווערן באַוואַכט פון ישראל־זעלנער. אָדער איר באַזוכט דעם „היכל שלמה" פונעם הרבנית הראשית—אַ פּראַכטפולער בנין, אויפגעבויט פון אַ לאָנדאָנער יידן, וואָלפסאָן.

מיר באַזוכן דעם „הר־הרצל", די „אַרלינגטאָן סעמעטערי" פון ישראל, וואו ס'רוט שוין אויך דער געוועזענער „ספיקער" פון דער כנסת, יוסף שפרינצאַק, ע"ה. אין צענטער פונעם באַרג, זעט איר הרצל'ס קבר, מיט אַ פשוט'ער מצבה פון מאַרבל, אויף וועלכער עס געפינט זיך בלויז דער נאָמען הרצל. איר זעט דאָרטן אויך דעם הרצל־

מוזיי: אַ ריזיק בילד פֿון הרצלען, פֿון דער סטעליע ביזן דיל, בייס אַריינגאַנג. דער מוזיי אנטהאלט זיין גאַנץ לעבן, אַלע זיינע ווערק און קאָרעספּאָנדענצן; זיין אַרבעטס־צימער, מיט דעם אָריגינעלן מעבל, געבראַכט פֿון וויען, דער טינטער מיט דער פּעדער, דער פּאַפּיר־קארב; פֿאַרשידענע מאָמענטן פֿון זיין קורצן, אָבער אינהאַלטסרייכן לעבן אאוו.

איך פֿאַרלאָז דאָס היימישע פּלאַץ, און שפּאַציר ווידער אויף די גאַסן. איך זעט פֿיל יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע געפינען זיך אויף גאַסן מיט יידישע נעמען: אחד־העם, ארלאזאָראָוו, זשאַבאָטינסקי, בן־גבירול, שמואל הנגיד, שלמה המלך—אַ געמיש פֿון אַמאָל מיטן היינט, און וואו מען היט אָפּ דאָס אַלטע, דאָס היסטאָרישע, און מען בויט דאָס נייע.

איבערן לאַנד

מיר קומען אָן אין רחובות. מיר באַזוכן דעם ווייצמאַן אינסטיטוט, אַלע וויכטיקע בנינים; דעם יד ווייצמאַן (מעמאָריאַל). דאָס קבר ווייצמאַן איז אַרומגערינגלט מיט אַ בלומען גאָרטן און מאַראַנצן־ביימער. פאַראַן דאָ אַ גרויסער אָפענער אַמפיטעאַטער, וואו אַלע יאָר, בעת ווייצמאַנ׳ס יאָרצייט, קומען זיך צונויף וויסנשאַפטלער פון פאַרשידענע וועלט־טיילן און פּראַווען דעם ווייצמאַן־יאָרצייט דורך לייענען רעפעראַטן אויף פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע טעמעס. דער אינסטיטוט מיט זיין גאַנצער אומגעבונג מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק מיט די פּראַכטפולע אַלייען און איינגאַרטיקן קאָלאָריט.

מיר קומען אָן אין ראשון לציון. מיר שפּאַצירן איבער די וויין־קעלערן פון וועלכע ס׳ווערט פּראָדוצירט די ווייַנען, וואָס באַצירן די יידישע טישן איבער דער גאָרער וועלט. די אַרבעטער זיינען פון פאַרשידענע וועלט־טיילן. אַ צאָל נייע עולים. מען איז אונדז מכבד מיט פאַרשידענע וויינען. מיר צעשמועסן זיך מיט איינציקע אַרבעטער און פרעגן זיך נאָך אויף זייער מערכה. די ענטפערס זיינען: מ׳לעבט בצימצום און מען נעמט אַלץ אָן באהבה, ווייל פריער איז געווען ערגער.

אָט זיינען מיר אין נתניה (אַ נאָמען נאָך ניטען שטראַוס), אַ רעזאָרט פּלאַץ און אויך דער צענטער פון דעם דימענטן אינדוסטריע. באַלד פאָרן מיר אַוועק אין קסריה, אין דער שטאָט וואו רבי עקיבא איז געפּייניקט געוואָרן . . . מיר זעען כל־ערליי אויסגעגראָבענע סמנים פון די קרייצצוגלער; רואינעס פון דעם הורדוס־טורעם, דעם רוימישן פאָרט, דעם טויער פון די קרייצצוגלער, פאַרשידענע סטאַטועס פון דער ביזאַנטישער עפּאָכע און אַנדערע.

מיר באַזוכן זכרון־יעקב, דאָס קבר פון באַראָן דע־ראָטשילד. מיר זעצן פאָר קיין בית־שערים, וואו רבי הנשיא האָט געלעבט און געשאַפן די משנה. מיר זעען טיילן פון אַן אויסגעגראָבענער שטאָט, וואָס די רוימער האָבן פאַרניכטעט אין פערטן יאָרהונדערט. מיר זעען דאָס סנהדרין פּלאַץ. מיר באַזוכן קאַטאַקאָמבען און זעען קברים, וואָס זיינען טויזנטער יאָרן אַלט. אויך זעען מיר טייל פאַמיליען קברים, מיט פאַרשידענע אויפשריפטן. טייל אורנעס זיינען מיט לעבער, סמנים

פון גנבים, וואָס האָבן געזוכט, אָדער גע'גנב'עט צירונג פון די קברים, מיט וועלכע מען פלעגט אַמאָל באַגראָבן מתים . . . מיר זעצן פאָר די רייזע און מיר קומען אָן

אין חיפה

די שטאָט חיפה איז אייגנאַרטיק אין געבוי און אויסזען. די שטאָט איז אַן אינדוסטריעלע שטאָט, אַ האַפן־שטאָט, אַ באַרגיקע שטאָט, דער עיקר: דער שיינער הר־הכרמל. זייער שטיל בײַנאַכט (אין קאָנטראַסט צו תל־אביב). נאָך ניין בײַנאַכט זיינען די מערסטע קאַפעען גאַנץ ליידיקלעך. די שטאָט חיפה איז אויך די יידישסטע אין דער מדינה. אַוואו איר קערט זיך, הערט איר כסדר רעדן יידיש. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס דאָס רוב איינוואוינער זיינען נייע עולים, אָבער אַזוי איז עס. די שטאָט איז אויך זייער ריין. מען שרייבט דאָס צו צום מעיאָר, אבא חושי, וועלכער איז זייער שטרענג וועגן ריינקייט. אין חיפה זעט זיך נאָך אַלץ אָן שטאַרק די סמנים פון דער מלחמה, צעשטערטע הייזער, אָבער מען זעט אויך זייער אַ סך נייע הייזער, וואָס זיינען גאָר לעצטנס אויפגעבויט געוואָרן. די שיינקייט פון חיפה איז זייער בולט בײַנאַכט ווען איר זעט איר פון דעם הר־הכרמל. דאָס איז אַן אויגן־פאַרכאַפּנדיק פּראַכטפול בילד, וואָס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן. מען דאַרף דאָס זען מיט די אייגענע אויגן. איך בין געווען מזל'דיק, וואָס מיינס אַ קרוב האָט מיך אַרומגעפירט אין זיין אויטאָמאָביל, בײַנאַכט, אויפן כרמל און געזען די שיינע פּאַנאָראַמע פון אַלע זייטן. איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן! חיפה האָט שוין אויך אַ מעטראָ (סאָבוויי), וואָס פאָרט צום כרמל. דאָס איז אויך אבא חושי'ס אַן אויפטו.

מיר באַזוכן דעם נייעם טכניון אינסטיטוט, וואו מען טרענירט אינזשעניערן. מיר גייען אַרום אין אַלע בנינים: מיר באַזוכן די לאַבאָראַטאָריעס, דעם פּראַכטפולן טשווירטשיל־אווידיטאָריום, דעם איינשטיין פיזיקס אינסטיטוט, די דאָרמיטאָרים אאַז. אַלע בנינים זיינען נייע, ווייל דער אינסטיטוט געפינט זיך איצט אויף אַ נייעם שטח פון דריי הונדערט אַקער לאַנד, אויפן כרמל, וואָס איז אַן־און פאַר־זיך אַ פּראַכטפול בילד פון דער ווייטנס. אין אונדזער שפּאַציר איבער דער שטאָט, באַזוכן מיר דעם פּאָרט, פאַרשטייט זיך, דורך דעם דרך העצמאות. מיר באַזוכן די בנינים פון דער עיריה. מיר זעען דעם סקווער אויפן

נאָמען פון מאַסאַריק און פון לאָרד פּלומער. מיר באַזוכן די „באהאי גערטנער", אַן אַלטע פּערסישע רעליגיע. מיר זעען דעם אַרכיוון בנין און דעם טעמפּל זייערן. מיר זעען אויך דאָס קבר אליהו אאַוו.

מיר פאָרן אַראָפּ קיין זבולון, די שטאָט וואָס באַראָן ראָטשילד האָט אָפּגעקויפט פון די אַראַבער. דאָס איז אַן אינדוסטריעלער צענטער — אַ שטאָט מיט כל'ערליי פאַבריקן. מיר באַזוכן עכו, די עלטסטע שטאָט אין דער וועלט. די קרייצצוגלער האָבן די שטאָט געהאַלטן; אַלע קעניגן האָבן די שטאָט געהאַלטן (רוימער, נאַפּאָלעאָן); מיר זעען די באַרימטע פעסטונג, דעם דזשאַזאַר פּאַשא מאָסק, דעם ציטאַדעל פון די קרייצצוגלער, דעם באַרימטן עכו פּריזאָן, די טערקישע ים־פאָרטיפיקאַציעס, דעם קאָלירפולן אָריענטאַלישן מאַרק, אאַוו.

אין עכו האָט דער רמב"ם געלעבט אַ קורצע צייט. די שטאָט ווערט איצט אויסגעבעסערט. מיר באַזוכן דאָס שטעטל נהריה, אַ רעזאָרט־שטעטל, וואָס איז באַוואוינט מערסטנס פון דייטשע יידן, וועלכע די איירָאָפּייאישע רופן אָן „יעקעס" (אויך אונדזערע, איירָאָפּייאישע האָבן אַ צונאָמען: „וואס־וואס" און די ספרדישע רופט מען „פרענקס").

מיר פאָרן איבערן גליל־העליון. מיר זעען אַ פּרימיטיוו דאָרף פון דרוזן: לייוונטענע געצעלטן, ווי אין פעלד־לאַגערן, מ'ליגט אויף דער ערד... זייער טראַכט: לאַנגע ווייסע כאַלאַטן און אַ ווייסער טורבאַן אויפן קאָפּ. אין דרויסן לויפן אַרום ציגן און שעפּסן און גריזשען די טרוקענע וואָרצלען פון דעם זאַמדיקן באָדן. מ'זאָגט, אַז די דרוזן זיינען פריינד פון דער מדינה.

אין גליל זעען מיר גרינע בערג, אין קאָנטראַסט צו די הרי־יהודה, וועלכע זיינען נישט גרין, צוליב די שטענדיקע מלחמות אויף זיי. מיר זעען דעם הר־מירון. מיר זעען דעם נביא יאשא גרעניץ־פונקט (פעסטונג). מיר זעען דעם הר־חרמון, וואָס איז 9 טויזנט פוס הויך. אונטן זעען מיר די אויסגעטריקנטע חולה־זומפּן, וואו מען כאַוועט איצט פיש, דער עיקר קאַרפּן, פאַר די יידן פון דער מדינה.

מיר באַזוכן חצור, די שטאָט וואָס יהושע האָט פאַרניכטעט, די חורבות אין מגידה, און אָט זיינען מיר אין ראש־פינה, די עלטסטע קאָלאָניע אין גליל. מיר זעען דעם מעמאָריאַל פון שלמה בן יוסף, וואָס איז געהאָנגען געוואָרן פון די ענגלענדער...

מיר פֿאָרן אַריין אין צפֿת, די שטאָט פֿון זוהר, שולחן־ערוך, קבלה און „דאַווידקא" (אַזאַ אויטאָמאַטישע ביקס, וואָס האָט אַ סך געהאָלפֿן אין דער מלחמה). מיר באַזוכן די שול פֿון אר"י הקדוש (רבי יצחק לוריע) דער גרינדער פֿון קבלה, און פֿון בעל השולחן־ערך, רבי יוסף קארו. אַ שמש עפֿנט אַן ארון־קודש און נעמט אַרויס אַ ספֿר־תורה, וואָס איז איינגערעמט אין אַ שאַכטל. מען דערקלערט אונדז די סיבה: זיי לייענען די תורה אויפֿגעשטעלט אויפֿן שולחן, נישט ליגנדיק אויפֿן שולחן, ווי ס'איז ביי אונדז דער מנהג. מיר רירן אָן די ספֿר־תורה און ס'ציטערן אונדזערע הענט . . . מיר זעען די שול פֿון רבי יוסף בנאי, פֿון וואַנען מ'איז עולה־רגל, לג־בעומר, מיט די ספֿרי־תורות, צום קבר פֿון ר' שמעון בר יוחאי...מ'דערציילט אונדז, אגב, פֿון די העלדישקייטן פֿון די יידן אין דער מלחמה־צייט, אין דעם געגנט. מיר זיינען אין מירון. מיר זעען די קברים פֿון ר' שמעון בר יוחאי און ר' אליעזר. מיר פֿאָרן דורך נהלל און זעען דעם מוזיי, וואָס בויט זיך אויפֿן נאָמען פֿון דער קאָסמעטיק־גבירנטע, העלענאַ רובינשטיין. מיר זעען דעם יער באַלפֿור; מיר פֿאָרן דורך דעם עמק־ישראל, וואָס איז דער „ברויט־באַסקעט" פֿון דער מדינה. מיר זעען די הרי אפֿרים, הרי מנשה און בית־שאָן, וואו אַרכעאָלאָגן פֿון שיקאַגער אוניווערזיטעט האָבן געמאַכט אויסגראַבונגען.

מיר פֿאָרן אַריין אין דער „הייליקער שטאָט" פֿון די קריסטן, נוצרת. די שטאָט מאַכט נישט קיין באַזונדערן איינדרוק, נאָר דער נאָמען פֿון דעם מענטשן מיט וועלכן די שטאָט איז פֿאַרבונדן, ישו, האָט איר גרויס געמאַכט . . . נאַטירלעך, זעט איר דאָרט כסדר טוריסטן פֿון דער גאַנצער וועלט, פֿון כל'ערליי גלויבנס . . . מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבערן שטעטל און, נאַטירלעך, אין די קריסטלעכע הייליקע פּלעצער. מיר גייען אַריין אין דער קירכע, וואו דער מלאך גבריאל האָט „אָנגעזאָגט" מרים'ן, אַז זי איז געוואָרן מעוברת . . . (טשווירטש אָוו די אַנאָנסיאיי־שאָן) . . . ביים עמוד איז טאַקע פֿאַראַן אַ געמאָלן בילד וועגן דעם (מיוראַל). איבערן עמוד הענגען אַלטמאָדישע אייל־לאָמפּן; אויפֿן עמוד ברענען ליכט. אין אַ ווינקל שטייט אַ גלח און איז מתפּלל. די לופֿט שמעקט דאָ מיט ווייַרויך . . .

אין דרויסן זעט איר אַ סטאַטוע פֿון מרים'ן, געמאַכט פֿון מאַרבל, אויף אַ הויכע קאָלומנע, איינגעהילט אין ווייסן, מיט אָפֿענע הענט און פֿרעגנדיקע אויגן...

מיר באַזוכן די הייל וואו מרים האָט געלעבט מיט ישו'ן אַן ערך דרייסיק יאָר. און ס'איז צו באַוואונדערן די אַרכיטעקטור פון יענע צייטן: אונטער דער ערד, אַלץ איז געמאַכט פון שטיין. דער טיש צום עסן, די בעטן צום שלאָפן, אַן עפענונג פאַר לופט און אַ קאַנאַל פאַרן וואַסער אָפּצורינען און אַלע אַנדערע מענטשלעכע באַדערפענישן... אַפילו אַ מקווה זיך צו טובלען... פאַרשטייט זיך, אַז אַרום און אַרום איז דאָס פּלאַץ אָנגעפילט מיט ווייזלעך. אָבער דאָס איז שוין באַזאָרגט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך דער קרייציקונג...

מיר פאָרן אַריין אין טבריה. מיר שפּאַצירן פאַזע דעם פּראַכטפולן כנרת, וואָס איז אַזוי פיל באַזונגען געוואָרן, צוליב זיין שיינקייט, און מיט רעכט. דאָ געפינען זיך סאַלפּאַר בעדער, אין וועלכע מענטשן קו־מען זייער אָפּט זיך אויסצעוואַרעמען די גלידער... דאָ, אין טבריה, איז געשאַפן געוואָרן די משנה, דער תלמוד ירושלמי, די נקודות. מיר באַזוכן די קברים פון ר' יוחנן בן זכאי, רמב"ם, רבי עקיבא און רבי מאיר בעל הנס. מיר שטייען ביי די קברים און ווערן אַרומגענומען מיט אַ מין הייליק־ציטערנדיקן געפיל; דאָ ליגן די גופים פון גרויסע יידישע גאונים: מענטשן, גרויסע גייסטיקע ריזן, וואָס האָבן אַזוי פיל באַרייכערט די יידישע גייסטיקע אוצרות. איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ זכיה, אייער זיין אַט־דאָ...

מיר קומען אָן אין כפר־נחום. מיר גייען אַרום די חורבות פון אַן אַלטער שול, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן. ביי דער זייט געפינט זיך אַ פראַנציסקאַנער מאָנאַסטיר. די דאָזיקע חורבות זיינען זייער אינ־טערעסאַנט און באַרימט אין דער מדינה. לויט דער עוואַנגעליע, זאָל אַרום דעם אָרט ישו האָבן באַגעגנט שמעון'ען (פּעטער) און אַנדערע זיינע ערשטע חסידים פון די פישער־לייט. די שול זאָל נאָך האָבן עקז־זיסטירט אין צווייטן יאָרהונדערט. כפר־נחום איז אונטערגעגאַנגען אינעם 6טן יאָרהונדערט. די חורבות זיינען געווען באַגראָבן די אַלע יאָרן, ביז די לייט פון פראַנציסקאַנער אָרדן האָבן אָפּגעקויפט דאָס פּלאַץ, אין יאָר 1894, אָפּגערייניקט טיילווייז די חורבות און אַביסל רעסטאַווירט די אַלטע שול, וועלכע ווערט כסדר באַזוכט פון טוריסטן.

אַט געפינען מיר זיך אין דגניה. גלייך ביים אַריינגאַנג שטייט אַרומ־געצוימט מיט אַ דראָטן ווענטל דער באַרימטער טאַנק, אַלס אַ זכר פון

דער מלחמה, וואָס די אַראַבער האָבן געלאָזן ביים טויער און זיינען זיך צעלאָפן. דאָ שמועכט מען איז געשלאָגן געוואָרן די סירישע אַרמיי און האָט טיילווייז דעצידירט דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. מיר גייען אַריין אין הויף פונעם קיבוץ, וועלכער איז אונטערן איינפלוס פון דעם פּופּציק יאָריקן יובל. די טראַנספּאַראַנטן וועלכע באַצייכענען די דאַטע (1910-1960) הענגען אַרום דעם הויף, זיינען זייער בולט. די לופט אינעם קיבוץ איז אָנגעפילט מיט דער שטימונג פון דער יום־טוב פייערונג. מיר שפּאַצירן אַרום דעם הויף און באַטראַכטן די טראַנ־שייען און „עיר־רייד שעלטערס", סמנים פון דער מלחמה. דאָס לעבן גייט איצט אָן נאָרמאַל. מיר שפּאַצירן דורך אַלע אָפּטיילונגען אינעם קיבוץ: די ביבליאָטעק, דאָס פאַרזאַמלונג פּלאַץ, דאָס עס־צימער, די קיך, די וועשעריי, די אָפּטיילונג פון די קינדער, וואָס איז טומלדיק פון קינדערשע קולות און געלעכטער. מיר ווילן זעען דעם חבר יוסף באַראַץ, דעם אָנפירער פון קיבוץ. מיר גייען אַריין אין זיין באַשיידענער וואוי־נונג און באַגעגענען די פרוי באַראַץ מיט עטלעכע דערוואַקסענע תּלמידים פאַרנומען מיט לערנען. מיר ווילן זיך צוריקציען, כדי זיי נישט צו שטערן. אָבער די פרוי באַראַץ שטעלט אָפּ דאָס לערנען און באַגעגנט אונדז מיט אַ חבר׳שן שלום, און באַדויערט דערביי, וואָס מיר קענען נישט זען דעם חבר באַראַץ, ווייל ער געפינט זיך גראָדע איצט אין תּל־אביב, אויף אַ זיצונג פונעם „וועד למען החיל", וועלכער ער ווידמעט אַ סך פון זיין צייט...

מיר געזעגענען זיך מיט דער פרוי באַראַץ. אויפן הויף שמועסן מיר מיט אייניקע עלטערע קיבוצניקעס. זיי ריידן מיט שטאָלץ וועגן זייער קאָמונאַלן לעבן. זיי פירן אונדז אַרום איבערן קיבוץ; ווייזן אונדז פאַרשידענע, פאַר אונדז, עקזאָטישע פלאַנצן, דער עיקר צוויי ריזיקע ציפּרעס־ביימער, וואָס מען דאַרף פאַררייסן דעם קאָפּ צו זעען זייערע שפּיצן. זיי שטייען ווי־זאַ־ווי, פון ביידע זייטן הויף. איינער איז פאַר־פלאַנצט געוואָרן ביי דער גרינדונג פון דעם קיבוץ: דער צווייטער איז בלויז עטלעכע יאָר אַלט, ווייל מ׳האָט שוין פאַר אים גענוצט נייע, מאָדערן־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, ביים פלאַנצן. די קיבוצניקעס דער־ציילן דאָס מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט און בעטן נאָר ס׳זאָל זיין שלום, כדי זיי זאָלן קענען לעבן במנוחה זייער קאָמונאַלן לעבן...

מיט אַ הברעין „שלום" און „כל־טוב" פאַרלאָזן מיר דעם קיבוץ דגניה.



אַ ציפּרעס בוים אין דגניה

אָט געפינען מיר זיך אין פּלישתּים לאַנד. אָט זעען מיר יבנה, וואו די משנה איז אָנגעהויבן געוואָרן; די שטאָט וואָס רבי יחנן בן זכּאי האָט אויסגעפּועלט ביים רוימישן קאָמאַנדיר, בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים, אינעם יאָר 70, מיט זיין „תּן לי יבנה וחכמיה"; יבנה— וואָס האָט אויפגעהאַלטן דאָס יידישע פאָלק צוויי־טויזנט יאָר אין גלות. יבנה, וואָס מען האָט אויך גערופן קרם־יבנה—ווייל „די חכמים זיינען געזעסן אויפן דיל אין רייען, ווי ווינשטאָקן און וויינגערטנער". אויף דער מערב־זייט אין יבנה, סטאַרטשעט אַרויס אַ הויכער מויער מיט אַ צאָל קופּאלן, וואו עס דאַרף זיך געפינען דאָס קבר פון רבי גמליאל, וועלכער האָט געלעבט אין יבנה סוף פון ערשטן יאָרהונדערט. איצט געפינען זיך דאָרטן מושבים, אַרום די יהודה פליינען. מיר זעען לכיש,

וואו 30 נייע דערפער זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר סעלעקטיווע עולים. אַט זעען מיר גת, די שטאָט פון דלילה, וואָס ווערט איבערגעבויט און איז שוין טיילווייז אַן אינדוסטריעלער צענטער. דאָ ווערט פּראָדוצירט: אייל־ניסלעך, באוול, בוריקעס פאַר צוקער אא"וו. (אין ישראל מאַכט מען צוקער פון בוריקעס, אנשטאט פון צוקער־שטעקלעך, ווייל בוריקעס „טרינקען" וויניקער וואַסער) . . . אָט געפינען מיר זיך אין טייל פון נגב, וואו איבערנאַכט (אין יום־כיפור) אין יאָר 1946, בעת די ענג־לענדער האָבן דערקלערט אויסנאַמס־צושטאַנד—אין יענער נאַכט זיינען איבערנאַכט אויסגעוואַקסן צוועלף קיבוצים...

מיר פאָרן אַריין אין באר־שבע, די שטאָט פון אברהם אבינו, די הויפּט־שטאָט פון נגב. מיר פאָרן אַרום איבער דער שטאָט און זעען ווי מען האַלט אין איין בויען. דער מעיאָר טוביהו, האָט אַן אַמביציע צו מאַכן באר־שבע פאַר א גרויסער מעטראָפּאָליע, און לויטן גאַנג, ווייזט אויס, אַז ס'וועט אים געלינגען. מיר באַזוכן דעם באַשיידענעם סיטי האָל (עיריה). מיר ווילן אַריינגיין אין דער ביוראָ פון ראש־העיר, פאַרהאַלט אונדז דער שומר ביים אַריינגאַנג. עס קומט אַרויס דער בוכהאַלטער און מיר דערקלערן אים ווער מיר זיינען. מען לאָזט אונדז אַריין, אָבער דער מעיאָר איז אויסער דער שטאָט. מיר שמועסן מיט זיין סעקרעטאַרשע, אַ זייער סימפּאַטישע יידישע טאָכטער. מיר דער־מאָנען איר, אַז מיר קענען טוביהו'ן פון זיין באַזוך אין אַמעריקע און אויפטריט ביי די זיצונגען פון דער אַרב. רינג נאַציאָנאַלע דירעקטאָרן באָאַרד, אין די אינטערעסן פון דער שטאָט ביבליאָטעק, וואָס דער אַרבעטער רינג האָט געהאָלפן אויפבויען. זי פאַרצייכנט אַלץ און פאַר־זיכערט, אַז דער מעיאָר וועט קריגן אַ באַריכט פון אונדזער זיין דאָ, און „וועט זיכער באַדויערן וואָס ער האָט אונדז נישט געזען", פאַר־ענדיקט זי זייער דיפּלאָמאַטיש. ביים אַרויסגיין באַגעגענען מיר ווידער דעם בוכהאַלטער, וועלכער גייט אַרום אַ מרה־שחורה'דיקער. מיר צע־רעדן זיך מיט אים און געפינען אויס, אַז ער איז בלויז עטלעכע יאָר אין לאַנד. ער איז אַ פּוילישער ייד, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה אינעם „דריטן חורבן" אונדזערן . . . ער גייט אַרום און זיין אומגעקומענע משפחה פאַרפאָלגט אים. ער איז זייער דערשלאָגן... מיר פּרואוון אים טרייסטן, אַז ער דאַרף בויען זיין ניי לעבן און אַז מיליאָנען האָבן דאָס אויך נישט זוכה געווען. מיר געזעגענען זיך מיט

אַ פֿריינדלעכן „להתראות“ און זיינען צופֿרידן, וואָס מיר האָבן דער־זען אַ שמייכל אויף זיין פּנים...



ל. לעווינסאָן אויף אַ קעמל, אין באר־שבע

מיר פֿאָרן אַרום איבער דער שטאָט. מיר שטעלן זיך אָפּ אויפֿן אַראַבישן מאַרק, אויף וועלכן אַראַבער זיינען אויסגעזעצט אויף דעם הוילן, זאַמדיקן באָדן. אַנדערע לויפֿן אַרום און רייסן די פּאָלעס פֿון די טוריסטן, אַז זיי זאָלן קויפֿן פֿאַרשידענע סואווענירס. דער מאַרק איז אָנגעפּילט מיט קעמלען און אַ סך טוריסטן קריכן אַרויף אויף קעמלען און רייטן אַרום עטלעכע שפּאַן און לאָזן זיך פֿאָטאָגראַפֿירן רייטנדיק אויף די קעמלען, אַלס סמן פֿון זייער זיין דאָ, און גערייטן אויף דער אָריענטאַלער באַשעפֿעניש...

מיר פֿאָרן ווייטער. מיר זעען די אַרבעטער רינג ביבליאָטעק, דעם ריזיקן מאָדערנעם דובינסקי שפּיטאָל, די קראַנקן־שוועסטער שול (נויר־סעם סקול). די בנינים זיינען געבויט אין דער פֿאָרם פֿון אַ האַלבן קרייז און זיינען באמת זייער פּראַכטפֿול.

מיר שטעלן זיך אָפּ אינעם האיאַס בנין רעסטאָראַן, פֿאַר מיטאָג. אינעם בנין זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. פֿול מיט מענטשן: מען שמועסט, מען לויפֿט אַריין און אַרויס. מיר כאַפּן אַ שמועס מיטן פֿאַר־וואַלטער פֿון בנין, קונה יוחנן, און געפֿינען אויס, אַז דאָס איז אַן אמתער הכנסת־אורחים. די פּראָפֿעסאָרן פֿונעם „פֿאָרשונג אינסטיטוט פֿון נגב", מיט זייער שטאַב, האַלטן זיך אויף אין דעם דאָזיקן האיאַס בנין.

מיר באַזוכן דעם שטאָטישן פּראַכטפֿולן מוזייאום, וואָס איז נאָך אויפֿגעבויט געוואָרן פֿון די טערקן, דעם שיינעם שטאָטישן גאָרטן, וואו ס'געפֿינט זיך אַ מאָנומענט, אין אָנדענק פֿון לאָרד אַלענבי, וועלכער האָט דעראָבערט פּאַלעסטינע פֿון די טערקן, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר זעען אויך אברהם אבינו'ס ברונעם און אַ בית־עולם, וואו ס'רוען ענגלישע זעלנער, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער ערש־טער וועלט־מלחמה . . .

מיר פֿאָרן אַרום דעם עזה פּאַס. מיר שטעלן זיך אָפּ און שמועסן מיט די יו־ען וואַך. די היטער זיצן אין האַלב־אָפֿענע ביידלעך, אַרומ־גערינגלט מיט אָנגעפּילטע זעק און אַ בלעכן דעכל, זיך צו שיצן פֿון דער זון. מיר פֿרעגן זיך נאָך אויף די אָפּטע „אינצידענטן" און זיי מאַכן דאָס צו קליין־געלט. אויף יענער זייט גרענעץ זעען מיר גרופּעס מיצרישע קינדערלעך, וועלכע דערנענטערן זיך כסדר צו אונדזער זייט, און די היטער האַלטן זיי אין איין טרייבן צוריק אויף זייער זייט גרענעץ . . .

מיר זעען דעם קיבוץ „נחל עוז", וואָס איז זיבן יאָר אַלט, אין וועלכן ס'לעבן 75 סאַברעס. דאָ איז אַ רייטער געשאָסן געוואָרן אויפֿן פֿערד, אַ מיידל פֿון 20 יאָר דער'הרג'עט געוואָרן . . . מיר פֿאָרן דורכן נגב און זעען די קליינע אייל־פּאָמפּעס וואָס ציען אַרויס אייל פֿון דער

ערד. מיר קומען אָן אין באַרימטן „פאַלודזשא פאַקעט"*), וואו עס זיינען פאָרגעקומען העלדישע שלאַכטן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. מיר זעען דעם קיבוץ נגבה, פון וואַנען אַ סך העלדן האָבן זיך אין די קאַמפן באַטייליקט, און געפאַלן . . . דער העלדישער קאָמאַנדיר יואב איז דאָ געפאַלן אין אַ שלאַכט, ביים איינגעמען דעם „מאָנסטער אויפן באַרג", אַ פּאָליציי־סטאַנציע, וואָס איז געווען אין די הענט פון די אַראַבער . . . איצט איז דער „מאָנסטער" אַ מאָנומענט, וואָס טראָגט דעם נאָמען: מצודת יואב (יואבס פעסטונג), אין אָנדענק פון דעם געפאַלענעם קאָמאַנדיר . . .

מיר באַזוכן אשקלון, די שטאָט וואָס שמשון האָט באַרימט געמאַכט. חורבות, אויסגעגראָבענע חפצים, סטאַטועס — סמנים פון אַמאָליקע הערשערס. דאָ האָבן געהערשט אַמאָל די פּלישתים, די גריכן, די רוי־מער, ריטשאַרד „דער לייבן־האַרץ". די שטאָט האָט דורכגעמאַכט זייער אַ סך קאַמפן צווישן די קרייצצוגלער און די מוסולמענער*). די שטאָט זאָל אויך זיין דאָס געבורטס־פּלאַץ פון קעניג הורדוס. אין יאָר 1270 האָבן די מוסולמענער די שטאָט ענדלעך צעשטערט.

מיר שפּאַצירן אינעם נייעם טייל פון דער שטאָט. מיר באַזוכן דעם מאָדערנעם מרכז מסחרי חדש (נייער געשעפטס צענטער), וואָס איז ענלעך צו די „שאַפּינג צענטערס" אין „סובורביא" פון אַמעריקע.

די שטאָט האָט מען אַמאָל גערופן „די מאַנטשעסטער". איצט אַרבעט מען דאָרט אויס שטאָלענע רערן פאַר באַוואַסערן דעם נגב. די שטאָט האָט אויך אַ שיינעם „ביטש", ביי וועלכן מענטשן באָדן זיך אין זומער. דער נשיא פון דער מדינה האָט דאָ אַ זומער־היים, אין וועלכער ער פאַרברענגט זיין וואַקאַציע.

די זון הייבט אָן פאַרגיין. מיר פאַרלאָזן דאָס שיינע „רעזאָרט־שטעטל" און פאָרן צוריק אין דער גרעסטער שטאָט פון לאַנד — תל אביב.

*) דאָ איז געווען דער לעצטער פּונקט וואו די מיצרישע אַרמיי האָט געקעמפט קעגן די יידן אין דער מלחמה, אין 1948. דער אינפאָרמאַציע־אָפיצער פון דער נייינטער בריגאַדע, וואָס איז געוועזאַרומגערינגלט אויף דעם פּונקט, איז געווען קוירנעל גאמאל אבד־על־נאסער, דער איצטיקער דיקטאַטאָר פון עגיפּטן . . . נאָך זייער פאַרלאַנג פאַר אַ וואַפנשטילשטאַנד, האָבן די יידן דערלויבט די עגיפּטער זיך אומקערן אין זייער לאַנד מצרים.

*) די יידן האָבן אַ באַזונדערן „חלק" אין אשקלון . . . ווען שאול איז דער'הרג'עט געוואָרן פון די פלישתים, האָט דוד, אין טרויער, געבעטן, אַז מען זאָל דאָס „נישט דערציילן אין די גאַסן פון אשקלון, בכדי די טעכטער פון די פלישתים זאָל זיך נישט פרייען" . . . ירמיה האָט גערעדט קעגן אשקלון; עמוס און צפניה האָבן געשאָלטן די פלישתים־שטאָט, אאוו.

אין תל־אביב

תל־אביב, די גרעסטע שטאט אין לאנד, מיט אירע קארגע 400 טויזנט איינוואוינער, טראגט דעם כאראקטער פון א קליין פאריז. שיינע גאסן, בולווארן און סקווערן. אלענבי גאס איז ענלעך צו א שאנס־עליזע, אין פאריז, אדער א פינפטע עוועניו, אין ניו־יארק. די גאס איז געפאקט מיט מענטשן, פראכטפולע אילומינירטע געשעפטן, באנקן, ביוראען, קיאסקן, קאפייען, גרויסע אפישן, אאוו. די פאליציי איז זייער שטרענג בנוגע דעם פארקער. מיר האבן געהאט די „זכיה" צו זיין אן עד־ראיה פון אזא סצענע: א שוטר איז נאכגעלאפן א יידן, וואס איז אריבערגעגאנגען די גאס בעת דאס עלעקטרישע לעמפל איז געווען רויט. ער האט אים דערלאנגט א צעטל, וואס רופט אים צו קומען אין דער פאליציי און מסתמא באצאלן א שטארף דערפאר. דער ייד נעמט דאס צעטל און זאגט מיט כעס: „אבי מ'טראגט א קנעפל, איז מען פונקט ווי די גויים" .. . דער שוטר האט אפנים פארשטאנען, וואס דער ייד האט געזאגט, ווייל ער האט אוועקגעשפאנט פונעם יידן מיט א שמייכל אויפן פנים.

פאראן א סך ביכער געשעפטן אין תל־אביב, וועלכע פארקויפן דאס רוב פאפולערע ביכער אויף פארשידענע לשונות. א יידיש בוך איז דארט נישט בנימצא . . . איך האב געוואלט קויפן דאס ספר „לובלין", פון דער אנציקלפדיה של גליות, וואס איז דריי־פערטל אין עברית, האט קיין מוכר־ספרים דאס נישט געהאט . . . איך האב דאס ענדלעך געקראגן דורך דער פרץ ביבליאטעק.

אויף דער דיזענגאף גאס זעט איר א סך קאפייען מיט די טישלעך אין דרויסן, ווי אין פאריז. די קפה „כסית" איז דאס זאמל־פלאץ פון די יידישע שרייבער און קינסטלער. פרייטיק־צו־נאכט קענט איר דארטן זען דעם אייגנטימער, „כאצקל" וויינשטיין (א שוואגער פונעם פאעט בעריש וויינשטיין, פון ניו־יארק), א הויכער, ברייטער ייד, אן "אסאבע", זיצן ארום א טיש מיט כל־ערליי מאכלים, מיט א צאל שרייבער און קינסטלער—חנא, „דער בארימטער", פון אמאליקן קאפע „ראיאל", אין ניו־יארק, צווישן זיי—אזוי זיינען זיי דאס מקבל שבת...

תל־אביב איז די איינציקע אויסשליסלעך יידישע שטאט אויף דער וועלט; נישטא דארט קיין בית־תפילה פאר גויים. (אויב א גוי פון תל־

אביב וויל גיין דאָונען, מוז ער נעבעך צופאָרן קיין יפו). אייך אימ־פּאָנירט אויך די גאַסן מיט די יידישע נעמען. אַזעלכע נעמען פון ציון־מנהיגים ווי, הרצל, ווייצמאַן, סוקולוב, ארלוזורוב, אחד־העם, דיזענגאָף, בן־יהודה, איז נאַטירלעך. אָבער איר געפינט אויך גאַסן מיט די נעמען פון שלום־עליכם, פּרץ, דובנאָוו, פרוג, ר׳ יוחנן סנדלער, רש״י, ליעסין און אפילו אַ בעלי־מלאכות גאַס.

פאַראַן אין תל־אביב לייכטע אינדוסטריען, ווי קליידער, שיך, אאוו. תל־אביב איז דער עיקר די שטאָט פון שרייבער, פּאַראַלאַגן, מוזייען, ביבליאָטעקן, טעאַטערס, אָפּעראַס, קאָנצערט־זאַלן, קונסט־אַטעליען, מאָדערנע האָטעלן, אַמבאַסאַדעס, טוריסטן, טראַנספּאָרטאַציע און אַנ־דערע אָפּיסעס. פאַראַן אַפילו אַ קליינער, אָבער אַ שיינער, זאָאָלאָגישער גאָרטן. כדאַי צו וויסן, אַז דער ערשטער בנין וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין תל־אביב איז געווען אַ שול־בנין פאַר די קינדער פון די 66 משפחות, וועלכע האָבן די שטאָט געגרינדעט מיט איבער פופציק יאָר צוריק. די העברייאישע זשורנאַליסטן האָבן אַן אייגן הויז, אויפן נאָמען פון נחום סאָקאָלאָוו; די פּאָעטן—אויפן נאָמען פון שאול טשער־ניכאָווסקי. די יידישע שרייבער, ווי מען האָט מיר דערציילט, האָבן אויך אַ זייער באַשיידענעם צענטער . . . מיר האָבן באַזוכט אַ רייע בנינים און אינסטיטוציעס ווי דעם שיינעם הבימה טעאַטער, דעם פּראַכטפולן היכל התרבות (פּרעדריק מאַן אוידיטאָריום), בית ציוני אמריקה (זי־אָ־עי הויז) און דער עיקר אַ צאָל אַרבעטער און קולטור אינסטיטוציעס, אין וועלכע מיר זיינען געווען פּאַראינטערעסירט צו זיין (וועגן זיי וועלן מיר דערציילן אויספירלעכער, אין אַ באַזונדער קאַפּיטל).

מיר פאָרן אַריין אין דער אַלטער שטאָט יפו. מיר שפּאַצירן אויף די שמאָלע, טונקעלע און בערגיקע, געדרייטע געסלעך, וואָס זיינען פול מיט אַראַבישע קאַפייען, מיט ווייניק ליכט און נידעריקע טישלעך, אויף וועלכע מ׳זעט כסדר אַראַבער שפּילן איןביינדלעך און רייכערן נאַר־גילאַס. אויף די געסלעך זעט מען אַרומפאָרן הענדלער מיט וועגעלעך אויף צוויי רעדער, וואָס ווערן געשלעפּט פון קליינע אייזעלעך, און רופן די קונים פון די נידעריקע, טונקעלע הייזער . . . אין יפו זעט מען נאָך אַלץ צעשטערטע הייזער, סמנים פון דער מלחמה, אין 1948 . . . דער אַלטער פּאָרט, וואָס האָט אַ גרויסע און קאָלירפולע געשיכטע הינטער זיך, ווערט מער נישט גענוצט. אויפן שפּיץ בארג זעט איר אַ פראַנ־

ציסקאנער מאָנאַסטיר, אויפֿן נאָמען פֿון הייליקן פּעטער. אין אַ שמאָל געסל לעבן דעם מאָנאַסטיר זאָל זיך אויך געפֿינען שמעונ׳ס הויז, לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע...

דער צושטייער פֿון אויסלאַנד (דער עיקר פֿון אַמעריקע), זעט זיך אין ישראל אויף שריט און טריט: דער דובינסקי שפּיטאָל, די אַרבעטער רינג ביבליאָטעק, דער האַיאַס בנין, אין באר־שבע; ברית־העבודה, בית־ליעסין, בית־העמלין, מען־אוידיטאָריום, פּרץ ביבליאָטעק, העב־רייאישער אוניווערזיטעט, הדסה מעדיקאַל צענטער, היכל שלמה פֿון ראַבינאַט, בר־אילן אוניוורזיטעט, ווייצמאַן אינסטיטוט, טכניון אינ־סטיטוט און פֿיל אַנדערע שטעטלעך און דערפֿער, וואָס ווערן ס׳רוב נאָך איצט געשטיצט פֿון אויסלאַנד.

די מענטשן לעבן נישט אין קיין רחבות אין ישראל. מען פֿילט זיך אָבער פֿריי און צום גרעסטן טייל שטאָלץ. מען בויט און מ׳בעט נאָר, אַז מ׳זאָל זיי לאָזן צורו. ווי האָט מיר געזאָגט אַ ייד אין צפֿת, נאָכדעם ווי מיר האָבן אים געפֿרעגט ווי אַזוי ס׳איז דאָס לעבן אין לאַנד:

„מ׳גייט נישט שלאָפֿן הונגעריק. און תכריכים מאַכט מען דאָך אָן קעשענעס. ס׳זאָל נאָר נישט זיין קיין מלחמה״...

ישראל איז מערסטנס אַ לאַנד פֿון דערפֿער און קליינע ישובים. די וויין און ציטרוס אינדוסטריען, דוכט מיר, זיינען די גרעסטע און ווערן עקספּאָרטירט אין גרויסע סכומען. די אַנדערע אינדוסטריען זיינען אויף אַ נידעריקער מדרגה. אָבער זיי זיינען פֿאַראַן. וויסנשאַפֿט, קונסט און קולטור, דאָס שטייט אויף אַ הויכער מדרגה. דאָס קומט דער עיקר פֿון די גרויסע צענטערן: תל־אביב, חיפה און ירושלים (און רחובות).

בכלל מאַכט אויף אייך דאָס קליינע מדינת־ישראל אַזאַ איינדרוק: מען היט אָפּ דאָס אַלטע, דאָס היסטאָרישע, און מען בויט דאָס נייע לאַנד אויף אַ מאָדערנעם אופֿן, פֿאַרן היינטיקן און מאָרגנדיקן לעבי

אַרבעטער און קולטור־אינסטיטוציעס אין ישראל

דער חותם פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, מערקט זיך אויף זייער אַ סך אינסטיטוציעס אין ישראל. אין באר־שבע, דער גרויסער דובינסקי שפּיטאָל, די אַרבעטער רינג ביבליאָטעק, דער האיאס בנין, וואָס איז די אכסניה פון די וויסנשאַפטלער פון די „פאַר־שער פון נגב־אינסטיטוט". מיר'ן זיך אָבער איצט אָפּשטעלן אויף אייניקע אינסטיטוציעס אין תל־אביב, אין וועלכע מיר האָבן פאַרבראַכט אַ ביסל מער צייט און זיינען פון גרויס באַדייטונג.

מ'האָט געמאַכט פאַר אונדזער עולם (די אַרבעטער רינג טוריסטן) אַן אָפיציעלע אויפנאַמע אין דעם בנין פון דער „ברית־העבודה", דער אַרבעטער רינג אין ישראל, וואָס געפינט זיך אויף דער קלישר גאַס. אין דעם דאָזיקן בנין קאָנצענטרירט זיך די גרופּע אין ישראל, וואָס קען, בלי ספק, אָנגערופן ווערן: די „יידישיסטישע". די אויפנאַמע איז פאַר־געקומען אינעם זאַל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם קדוש, אַרטור זיגלבוים, ע"ה. דער עולם איז באַשטאַנען, דאָס רוב, פון נייע עולים, וועלכע זיינען געקומען אָפּנעמען אַ גרוס פונעם אַרבעטער רינג אין אַמעריקע. מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער דאָרטיקער אינסטיטוציע.

פאַראַן דאָרט אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון פראַנץ קורסקי, ע"ה, וועלכע פאַרמאָגט אַן ערך 15 טויזנט ביכער, וועלכע מען לייענט אויפן פּלאַץ, אינעם לייען־זאַל און אַבאָנענטן נעמען אויך ביכער אַהיים צו לייענען, פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל. די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט אַן ערך טויזנט מיטגלידער. זיי האָבן געעפנט די ערשטע שול אין וועלכער מ'לערנט יידיש אין ישראל. די שול איז, נאַטירלעך, אַ נאָכמיטאָג־שול. הייַיאָר האָבן זיך רעגיסטרירט 73 קינדער אין דער שול, וואָס האָט פיר קלאַסן. אַ צווייטע נאָכמיטאָג שול איז הייַיאָר געעפנט געוואָרן אין באַר־שבע מיט 67 קינדער. אַ דריטע שול פּלאַנעוועט מען צו עפע־נען גאָר אין גיבן, אין חיפה. (אין די דריי דערמאָנטע צענטערן, האָט דער „ברית־עבודה" אָפּטיילונגען). אין דעם אַרבעטער רינג געפינט זיך אויך אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער שטעלט פון צייט־צו־צייט פאַרשידענע דראַמאַטישע ווערק. אינעם אַרטור זאַל קומען אָפט פאָר פאַרשידענע ליטעראַרישע אָוונטן, קאָנצערטן, צוזאַמענקונפטן, אאוו.

דער אַרבעטער רינג האָט נאָך אַ פונקציע: העלפן די נייע עולים זיך איינאָרדענען און געפינען פאַר זיי אַרבעט.

האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ וועבער־קאָאָפּעראַטיוו, אין וועלכן ס׳זיינען באַשעפטיקט צען משפחות. אַ דרוקער־קאָאָפּעראַטיוו באַשעפטיקט פינף־און־צוואַנציק משפחות. אַ שניידער־קאָאָפּעראַטיוו באַשעפטיקט צען משפחות. זיי האָבן געשאַפן דירות פאַר 50 משפחות און ביי דעם בלייבן זיי נישט שטיין. ווי האָט געזאָגט דער זקן פון דער דאָזיקער גרופּע, צלביץ (צאַלעוויטש): „מיר האָבן אַ סך אַספּיראַציעס, נאָר מיר האָבן ליידער, נישט די מיטלען״ . . . בעת העלד איז דאָ געוועזן, האָט ער זיי צוגעזאָגט צו העלפן מאַטעריעל.

ס׳איז אויך פאַראַן אַ ליי־קאַסע, וואָס העלפט אַרויס די מיטגלידער מיט הלוואות.

די הוצאות פון די עקזיסטירנדיקע שולן באַטרעפט אַ טויזנט פונט אַ חודש. דאָס איז אַ גוואַלדיק־גרויסע הוצאה פאַר זיי. אָבער זיי זיינען עקשנים און גייען אָן מיט דער אַרבעט. (פאַרשטייט זיך, אַז די נייע שולן, וואָס זיי האָבן געעפנט און די וואָס זיי פּלאַנעווען צו עפענען, וועט זייערע הוצאות באַדייטנדיק פאַרגרעסערן).

ווען איך האָב געפרעגט דעם חבר י. אַרטוסקי, דעם רעדאַקטאָר פון די „לעבנספראַגן״:—מיט וואָס איז צאַנזער יידיש חשובער פון פּלוינס־קער, אָדער וואַרשעווער יידיש? האָט ער פאַרשטאַנען וואוהין איך ציל (בן־גוריון, אַלס בילדונגס מיניסטער, האָט באַשטימט אַ העלפט פונעם בודזשעט פאַר די שולן אין „קרית צאַנז״, וואו מ׳האָט געזאָגט, אַז מ׳לערנט אויף יידיש. בן־גוריון שטאַמט פון פּלוינסק). ער האָט מיר דערציילט, אַז דער ענין איז גאָרנישט אַזוי ווי מען האָט אים פאַרשפּרייט אין אַמעריקע, און וועגן וועלכן יעקב פאַט און אפילו מ. ש. שקליאַרסקי זיינען נכשול־געוואָרן. ס׳איז גאָרנישט קיין שול מיט יידיש אַלס אונ־טערריכט שפּראַך אין „קרית צאַנז״. אין דער שול לערנט מען אַלץ אויף עברית. קיין יידיש לערנט מען דאָרטן נישט. נאָר ס׳זיינען פאַראַן מלמדים, וואָס פאַרטייטשן עפּעס אויף יידיש, אויס געוואוינהייט, ביים לערנען חומש מיט רש״י, אָדער אַ בלאַט גמרא . . . אַזוי אַז די צאַנזער זיינען נישט קיין גוואַלדיקע קעמפער פאַר יידיש, די „הנחה״ איז אויך

נישט קיין גוואַלדיק־גרויסע און מ׳האָט זיי געגעבן פּירסום נישט קיין פּאַרדינטן...

די אַטמאָספּערע אין דער „ברית־עבודה״ איז אַ זייער וואַרעמע, אַ היימישע. דער עולם איז זייער אַן ערנסטער און ביז גאָר פריינדלעך. אגב, האָב איך דאָרט באַגעגנט אַ געראַטעוועטע פרוי פון לובלין, שאשקע ערליך (אין לובלין האָט מען איר גערופן: „די סטראַזשניטשקע״), וועלכע האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט און מיר איבערגעגעבן די טרויעריקע גרוסן פון אַלע מיינע פריינד און באַקאַנטע פון לובלין, וועלכע זיינען אַוועק אין די גאַז־אויוונס...

אויף דער אַלענבי גאַס, נומער 31, אַ שמאָלע סטעזשקע—אַ זייטי־קער אַריינגאַנג, אויפן דריטן שטאָק, און איר געפינט זיך אין דער י. ל. פּרץ ביבליאָטעק און פאַרלאַג. די ביבליאָטעק עקזיסטירט שוין 30 יאָר. דער פאַרלאַג—בלויז דריי יאָר. די דאָזיקע אינסטיטוציעס ווערן אָנגעפירט פון דער „אחדות־עבודה״ (לינקע פּועלי־ציון). דער פאַרלאַג האָט שוין, ביז היינט, אַרויסגעגעבן 60 ביכער. פון זיי—50 אויף יידיש און בלויז 10 אויף עברית. (איצט, ווי מ׳גיט איבער, האַלט מען שוין ביי נאָענט פון 100 ביכער). די מערסטע העברייאישע ביכער זיינען אויך איבערזעצונגען פון יידיש. ס׳איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז דאָס איז דער איינציקער פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די ווערק פון דער יידישער שרייבער גרופּע „יונג ישראל״.

אינעם בולעטין, צום דערשיינען פונעם פופציקסטן בוך פון פּרץ פאַרלאַג, ווערט זייער שטאַרק געלויבט דער יידישער אַרבעטער קאָמי־טעט פון אַמעריקע, „די איינציקע יידישע אינסטיטוציע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר דער פאַרלאַגס־טעטיקייט און אין אַ באַשטימטער מאָס, אויך געהאָלפן פינאַנציעל״. די פריינד כאַנין און פּאַט ווערן באַזונדערס דערמאָנט מיט ליוב און ווערן באַדאַנקט.

איך רעד מיטן געהילף פונעם לייטער, ראָזנבערג, דעם חבר ווערבער, און פרעג אים וועגן זייערע אַספּיראַציעס. איך געפין אויס אָט־וואָס:

זייער ציל איז נישט סתם אַרויסגעבן יידישע ביכער, נאָר באַקענען דעם יידישן לייענער, קודם־כל, מיט די בעסטע ווערק, וואָס ווערן גע־שאַפן אין דער יידישער שפּראַך און אַריבערפירן אין יידיש דאָס שענסטע און מאַסע כאַראַקטעריסטישע פון העברייאיש.

זיי זיינען אויך נישט וויניקער פאראינטערעסירט אין באקענען דעם העברייאישן לייענער מיט די בעסטע שאפונגען אין דער יידישער שפראך, בכדי ארויסצורופן באציאונג און דרך־ארץ, סיי צו ז'ער יידי־שער ליטעראטור און צו אירע שרייבער, און דורך דער ליטעראטור צו יידיש לעבן און יידישן עבר און הוה, וואס איז און ווערט, דורך די שעפער פון דער יידישער ליטעראטור קינסטלעריש געשטאלטעט.

זיי שרייבן צו זייער דערפאלג צו דעם, וואס זיי זעען די פארבינדונג צווישן יידישע און העברייאישע שפראכן און ליטעראטורן אין אינ־טערעס און דורך דער פריזמע פון מדינת ישראל און פאלק ישראל. זיי שטרייכן אונטער, אז יידיש איז נישט, און טאר נישט זיין, קעגן דער מדינה, נאר פאר איר און איז דער קאנאל פאר השפעה פון דער מדינה אויפן פאלק אין די תפוצות.

זיי לייקענען אויך נישט, אז די באציאונג צו יידיש אין דער מדינה איז נאך נישט אזוי ווי זיי וואלטן זיך געוואונטשן . . . ס'ווערן נאך מצד אפיציעלע מלוכה־קרייזן באגאנגען עולה'ס לגבי יידיש . . . אבער דער מהלך פון דער אמאליקער באציאונג צו יידיש אין לאנד און צו דער באציאונג וואס הערשט היינט, איז זייער א גרויסער, די גע־ענדערטע אטמאספערע פאר יידיש אין לאנד, האט געעפנט א מעגלעכ־קייט פאר גרויסע אויפטוען פאר יידיש און פארן יידישן בוך.

וועגן דער ביבליאטעק. זי פארמאגט אן ערך 25 טויזנט ביכער, אויף יידיש, פויליש און עברית. די מערסטע זיינען יידישע ביכער. האבן א פיר־פינף טויזנט לייענער. אבאנענטן צאלן 85 פיאסטער א חודש. האבן א פיינעם לייען־זאל, וועלכער איז אפן טעגלעך. די ביב־ליאטעק איז דער שטודיר און פארש־צענטער פון יידישער ליטעראטור, פאר סטודענטן, לערערס, שרייבערס און וויסנשאפטלער.

איך האב מיט זיך געהאט ציטאטעס פון „אידישן קעמפער", פון די בריוו פון מ. ש. שקלארסקי און איסר גאלדבערג (פון גלאטשטיינ'ס ארטיקלען) וועגן דעם פארבאט פון ארײנלאזן יידישע ביכער קיין ישראל. האב איך געפרעגט ווערבערן וועגן דעם, האט ער מיר געזאגט, אז זיי „טוישן ביכער" . . . אבער גענויער האט מיר דערציילט דער וואס באשעפטיקט זיך מיט דעם ענין—וואלעצקי.

ער האָט באַשטעטיקט, אַז די מעשה איז אמת. מען לאָזט נישט אַריין קיין יידישע ביכער לעצטנס אין ישראל. דאָס טוישן ביכער איז אויך נישט אַזוי לייכט ווי ס'רעדט זיך . . . „דאָס איז נאָך איינע פון די זאַכן וואָס מיר דאַרפן באַקעמפן" האָט ער צוגעגעבן . . . ער באַשולדיקט אָבער נישט די רעגירונג אין דעם . . . ס'איז נישט קיין געזעץ (חוק), עס איז די אַלטע מעשה: פקידים. באַאַמטע וואָס זיינען נישט פריינדלעך, מילד גערעדט . . . אָבער זיי האָפן דאָס גובר צו זיין. אלוואי.

* * *

גייען מיר אַוועק אויף דער וויצמאַן גאַס און כאַפּן זיך אַריין אינעם קלוב פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אויפן נאָמען פון אייזיק העמלין. דאָס איז דער אַדרעס פון דער „הסתדרות" פון אַמעריקע אין ישראל. אינעם בנין רעשן זיך אַ סך פרויען. איך געפין אויס, אַז די סבה איז: דער פערציק יאָריקער יובילי פון דער מועצות־הפועלות. אָט זיץ איך שוין ביי העמלינען אין אָפיס. מיר שמועסן וועגן דעם צוועק פונעם בנין, און איך געפין אויס, אַז דאָס איז דער „פּאָבליק־רילײשאָנס" אָפיס, וואָס האַלט אָן די ישראל־אַמעריקאַנישע—און פאַרקערט—פאַרבינדונגען. דער בנין איז אויך אַ קולטור צענטער. ס'קומען דאָרטן אויך אָפט פאָר לעקציעס און פאַרווײלונגען—דאָס איז אויך דער אויפנאַמס צענטער פאַר טוריסטן, גיבן זיי אָנווייזונגען, אאַוו. זיי פאַסן אויך אויף די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס אין ישראל, פון דער א. פ. ל.־סי. אי. אָ. און אַנדערע. די הערשנדיקע שפּראַכן אין דעם בנין זיינען: ענגליש, יידיש און, נאַטירלעך, עברית.

איך גיי אַריין צו המלין'ס „שכן", דאָס „בית ליסין". אַ רחבות־דיקער דריי־שטאָקיקער בנין. גלייך ביים אַריינגאַנג, הענגט אַ פּלאַק אויף ענגליש, יידיש און עברית, וועלכער לייענט זיך: „אויפגעשטעלט מיט דער מיטהילף פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1953."

דאָ געפינט זיך אַ שיינער זאַל, אין וועלכן ס'קומען פאָר טעאַטער פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, פאָרטראַגן, קינאָס, אאַוו. די פּראָגראַמען פון דער וואָך זיינען זייער אויף אַ הויכער מדרגה. דאָ לערנט מען קינדער זינגען; מ'ווייזט זיי פילמען, וואָס אין די קאָמערציעלע קינאָס זיינען זיי נישט בנימצא; מ'לערנט יוגנטלעכע טאַנצן, און מ'פירט דורך פאַרשידענע קאָנצערטן און רעפעראַטן אויף ענגליש, יידיש און עברית.

זייער אָפּט קומען דאָ פּאָר סימפּאָזיומס און דעבאַטעס. יעדע וואָך ווערט אַרויסגעשיקט אַ מימיאָגראַפירטע מעלדונג צום עולם, מיט דער פּראָגראַם פאַר דער גאַנצער וואָך. פאַראַן אויך אַ סטודענטן קלוב און אַ ביבליאָטעק פאַר זיי. מ׳גיט דאָ אויך לעקציעס וועגן מוזיק, פאַר די יוגנטלעכע. פאַראַן דאָ אויך אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל. ביכער זיינען דאָ פאַראַן אַן ערך 30 טויזנט, אין זיבן לשונות, יידיש איינגעשלאָסן.

דאָס שיינדל פון בית ליסין איז, דער רייכער אַרכיוו, וועלכער ווערט אָנגעפירט פון זרובבל. פאַראַן דאָ 15 טויזנט איינסן, פיל יקר־המציאות׳ן, וואָס איז וועגן דערשינען אין דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג איבער דער וועלט, מיט הונדערט, אָדער מער יאָרן צוריק. דער אַרכיוו הייסט טאַקע „אַרבעטער אַרכיוו". פאַראַן דאָ איינסן, וואָס מ׳קען אפשר געפינען, אָדער אין דעם קורסקי אַרכיוו (וועגן בונד), אין ניו־יאָרק, אָדער אין דער יידנטום־אָפּטיילונג פון דעם בריטישן מוזיי, אין לאָנדאָן. סטודענטן קומען דאָ אָפּט נאָך רעפערענצן און נעמען נאָטיצן, אויף די עצה׳ס פון זייערע פּראָפעסאָרן. אַ שלל מיט מאַנוסקריפּטן און דאָקומענטן פון סאָציאַליסטישע פירער און טעאָרעטיקער. אַ ספּעציעל צימער—דאָס חדר ליסין—אויפן נאָמען פון דעם גרויסן יידישן דיכטער, אברהם ליעסין, האַלט זיך איצט אין שאַפן. איר זעט שוין דאָרט זיין בילד און אַ רייע סטאַטועס. מ׳פּלאַנעוועט אַהינברענגען ליעסינס מאַנוסקריפּטן און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין אַרבעטס־צימער. ביים אַרויסגאַנג, אין דער זייט, געפינט זיך שוין אַ גאַס פּול מיט נייע הייזער, וואָס זיינען לעצטנס אויפגעבויט געוואָרן און דער נאָמען פון דער גאַס איז: אברהם ליעסין.

זרובבל האָט זיך געאיילט צו גיין מבקר־חולה זיין דעם חבר משה ערעם, אין שפּיטאָל, האָט ער מיך פאַרבעטן צו אים אין הויז, אין אָוונט.

אין דער באַשטימטער צייט, האָב איך זיך באַקענט מיט זיין פרוי, פרידע, די פאַרפאַסערין פונעם בוך „נע־ונד", וועגן חורבן פּוילן, וואָס איז מיר גראָדע באַקאַנט. זי איז אַ זייער סימפּאַטישע און אינטעליגענטע דאַמע.

איך זיץ ווי־זאַ־ווי מיט זרובבל׳ען אין זיין קאַבינעט. ער רעדט

מערסטנס ווענגן די אויפטואונגען פונעם פּרץ פֿאַרלאַג און דער ביבליאָ־טעק. ער דערציילט מיר, אגב, ווי שווער ס'קומט זיי אָן צו באַוועגן די מוכרי־ספרים אין ישראל, אַריינצונעמען אויך יידישע ביכער... די מוכרי־ספרים געדענקען נאָך אַלץ די צייטן, ווען מ'האָט צעבראָכן די פֿענסטער, ווען מ'האָט פֿאַרקויפֿט יידישע ביכער . . . „אָבער די צייטן, זאָגט ער, זיינען שוין לאַנג פֿאַראיבער. אויף די קיאָסקן פֿאַרקויפֿט מען שוין לאַנג יידישע צייטונגען און זשורנאַלן" (און איך גיב צו: אַפּילו אין טייל האָטעלן). איז אויב ס'וועט זיי נישט געלינגען צו באַוועגן איינציקע מוכרי־ספרים אַריינצונעמען יידישע ביכער, פּלאַנעווען זיי צו דינגען אַ קראָם, און טאַקע אויף דער אַלענבי גאַס, און דאָרטן פֿאַרקויפֿן אויסשליסלעך יידישע ביכער. איך ווינטש זיי הצלחה.

זרובבל לייענט פֿאַר מיר אויך אַ בריוו, וואָס האָט געלאָזן אַ נאָך־טעם. אַ לערערין פֿון אַמעריקע, רבקה טאַלפּין, שרייבט אים, אַז ווען ליעסינס אַ פּלימעניצעס מאַן, האָט געוואָלט שאַפֿן אין איר אָנדענק, אַ מאָנומענט אינעם בית־ליסין, האָט אַ יידישער שרייבער אין אַמעריקע אים אָפּגערעדט דערפֿון, ווייל „דאָרטן האָט מען גאָרנישט צו טאָן מיט יידיש", איז, מילד גערעדט, אַ היפּש ביסל מגזם־געווען . . . דאָס שמעקט שוין מיט רשעות. איך ווייס נישט וואָס יענער ייד האָט אין זינען געהאַט, נאָר אמת איז דאָס ניט . . .

* * *

כ'בין אויך אַוועק אויף דער אַרלאָזאָראָוו גאַס, באַזוכן דעם „קרע־מעל", ווי מען רופֿט אין תל־אביב דעם הסתדרות־בנין. דער בנין פֿאַר־נעמט כמעט אַ בלאָק די ברייט, פֿאַרמאָגט טויזנט אָפּיסעס פֿאַר אַלע פּראַקציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות. דער חבר מענדעלסאָן (אגב, אַ קרוב פֿון ש. מענדעלסאָן, ע"ה), האָט מיך אַרומ־געפֿירט איבערן בנין. אויפֿן זיבעטן און העכסטן שטאָק געפֿינט זיך דער זיצונג־זאַל פֿון ועד־הפּועל. ס'איז באמת אַ שיינער, מאָדערנער בנין, אָבער נישט מיט קיין טעפּיכער, ווי מ'האָט דערציילט. דאָס מעבל אין די אָפּיסעס איז פּשוט, די שטולן הילצערנע, נישט קיין געבעטע שטולן אַפּילו . . . ביים אַריינגאַנג אינעם זיצונג־זאַל איז פֿאַראַן אַ פֿיינע סטאַטוע, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר: אַרבעט. כ'האָב דאָרטן אויך באַגעגנט אַן אַראַבער, וואָס רעדט זייער פֿיין יידיש. אויפֿן הויף, אין



הסתדרות בנין, תל־אביב

הינטערגרונד, זעט איר די „הרצליה" גמינאַזיע. דאָרטן האָב איך אויך באַגעגנט חנא, „דעם באַרימטן" פון ניו־יאָרק . . . דער זעלביקער חנא, אַביסל פאַרעלטערט, מיט די זעלביקע גרויסע פּיס און מיטן שטעקן. ער האָט זיך פאַר מיר באקלאָגט, אַז ס'גייט אים נישט אַזוי גוט . . . ער בעט מיך דאָס דערמאָנען דעם חבר באנטשעק, אין ניו־יאָרק, וועל־כער איז אים כסדר מקרב. טו איך דאָס און האָף אַז באָנטשעק וועט דאָס לייענען.

יידיש אין ישראל

אָפיציעל מאַכט מען דעם חשבון וועגן דער באַפעלקערונג אין ישראל אָט־אַזוי: פופציק פּראָצענט באַשטייט פון מזרח־יידן; 25 פּראָצענט—פון סאַברעס; 25 פּראָצענט—פון יידן פון די אייראָפּייאישע לענדער, פון וועלכע דער גרעסטער טייל רעדט יידיש. אָבער דער טומל, די ביטול־באַציאונג און די שנאה, מצד די העברייאישע קנאים לגבי יידיש, איז געוואַלדיק גרויס . . . פּונקט ווי די יידיש־ריידנדיקע וואָלטן באַהערשט די מדינה . . . דאָס רוב פון די דאָזיקע עברית־קנאים, שטאַמען אַליין פון די אייראָפּייאישע לענדער און האָבן הנאה פון אַ שמועס אין מאַמע־לשון און נישט ווייניקער פאַרגעניגן פון לייענען אַ גוט יידיש בוך. ס'איז בכלל אַ פּאַראַדאָקס: מ'האָט באַדאַרפט זוכה־זיין צו דערלעבן אַן אייגענע מדינה ביי יידן וואו יידיש, דאָס לשון פון קדושים, ווי חיים ווייצמאַן, ז"ל, האָט דאָס אָנגערופן, זאָל דאַרפן קעמפן פאַרן קיום . . .

פונדעסטוועגן, איז די לאַגע דאָך היינט אַנדערש ווי זי איז געווען מיט יאָרן צוריק. די צייטן פון וואַרפן שטיינער אויף אַ פאַרזאַמלונג וואו מ'רעדט יידיש, זיינען אַוועק. ס'איז די אַלטע מעשה: מ'רעדט יידיש אויף די גאַסן און אין אַנדערע עפנטלעכע פּלעצער, אין ירושלים, אין תל־אביב, אויף די דיזענגאָף און אַלענבי גאַסן הערט מען יידיש ריידן, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע שפּראַכן, ווי פּויליש, דייטש, אונגאַריש און ענגליש, וועלכע איז די פּאָפּולערסטע פון די אויסלענדישע שפּראַכן. חיפה איז די שטאָט וואו מ'הערט ריידן יידיש מער ווי אין וועלכע ס'איז אַנדער שטאָט אין ישראל. אפשר דערפאַר, וואָס דאָרטן זיינען פאַראַן אַ סך נייע עולים, וועלכע קומען פון די אייראָפּייאישע לענדער . . . די נהג'ן אויף די אויטאָבוסן, ריידן יידיש, אין דער באַנק לאומי רעדט מען יידיש (אַמאָל, דערציילט מען, אַז מ'האָט אייך דאָרטן נישט געוואָלט ענטפערן אויף יידיש). צאַנינ'ס „לעצטע נייעס", איז זייער פּאָפּולער (נישטאָ מער קיין צוויי נעמען פאַר דער צייטונג). זיין געוועזענער שותף, חדש, גיט שוין אויך אַרויס אַ טעגלעכע צייטונג אויף יידיש. עטלעכע זשורנאַלן, צווישן זיי, דער פּאָפּולערסטער און סאַלידער „היימיש", פון משה גראָסמאַן, גייען אַרויס אויף יידיש. דאָס יידישע טעאַטער האָט מער דערפאָלג ווי דאָס העברייאישע טעאַטער (אגב, דאָס העברייאישע טעאַטער איז אָרעם אין

איינגענע שאַפונגען פאַרן טעאַטער, שפּילט מען דאָרט איבערזעצונגען פון דייטש, פון יידיש און פון ענגליש; וויטלינג, באַריישאַ, אַניעל, שעקספּיר, אאַוו.) דער דערפאָלג פון יידישן טעאַטער איז אַזוי גרויס, אַז דער „דבר" האָט גענומען קלאַפּן טרעוואָגע . . .

פאַראַן דאָרטן צוויי ווינקלען „ ברית העבודה (דער אַרבעטער רינג), מיט דער קורסקי ביבליאָטעק, און טײלוויז, דאָס בית ליעסין און די י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, וועלכע טוען עפּעס ממשות'דיקעס פאַרן המשך פון יידיש אין ישראל. ס'איז כדאַי צו געדענקען: זיי טוען דאָס נישט בכדי צו באַקעמפן העברייאיש; זיי ווייסן, אַז אין ישראל איז די הערשנדיקע שפּראַך עברית. זיי זיינען נישט געגאַרט. זיי טוען זייער אַרבעט אויס ליבע צו יידיש און ווילן באַזייטיקן די ביטול־באַציאונג צום יידיש לשון און צו אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף יידיש. (מער פּרטים וועגן די דאָזיקע אינסטיטוציעס, אין אַ באַזונדער קאַפּיטל).

זיי האָבן אַ שווערן קאַמף, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן ליב דאָס לאַנד און דאָס לשון עברית. ס'איז כדאַי צו געדענקען, אַז די שנאה צו יידיש איז אין ישראל אַ שיטה, וואָס קומט פון אויבן . . . אָט האָב איך געזען אַן אַרטיקל פון צאַנינען, אין „לעצטע נייעס", אין וועלכן ער דערציילט, אַז די אַנפירער פונעם העברייאישן שרייבער פאַראיין „האָבן גאָרנישט געלערנט במשך פון די פאַרגאַנגענע צען יאָר". נאָך צען יאָר ווי מ'האָט געהאַנדלט אַ פאַרשלאַג אַריינצונעמען די יידישע שרייבער אינעם פאַראיין, האָט מען ענדלעך דאָס צוריקגעוויזן. מ'וויל נאָך אַלץ נישט האָבן די יידישע שרייבער אינעם פאַראיין. אַפילו שלמה גראָדזענסקי, וועמען מ'קען נישט חושד־זיין אין „יידישיזם", האָט אויך פּראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיקן באַשלוס.

איר ווילט הערן אַ שיינס? אָט האָט איר עס:

אַ וועג־וויזערין האָט אַזוי דערציילט אַ צאָל טוריסטן, איידער זי האָט זיי געפירט אויף אַ באַזוך אין מאה־שערים, אין די פאַרשידענע שולן פון די שפּאַנישע, פּערסישע, בוכאַרער, תימנ'ער און פּוילישע יידן:

—די שפּאַנישע יידן האָבן אַ זשאַרגאָן, וואָס זיי רופן „לאַדינאַ", וואָס זיי האָבן גענומען פון שפּאַניש; די פּוילישע יידן האָבן אַ זשאַרגאָן, גענומען פון דייטש, וואָס זיי רופן „יידיש" . . .

אַז מ'האָט פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער „אינפאָרמאַציע", ספּעציעל וועגן יידיש, האָט זי זיך כלומרשט פאַרענטפערט און צוגע־

געבן, אַז אויף יידיש איז טאַקע אַ סך געשאַפן געוואָרן; יידיש האָט מער פאַרדינסטן פאַרן יידישן פאָלק. אָבער—אָן אַן „אָבער" גייט נישט ווען ס'קומט צו יידיש—„ס'איז אַלץ אַ פרעמדע שפּראַך". עברית איז די שפּראַך פון די יידן...

אָדער, אַז אַ פשוטער ייד פרעגט איינעם, וועלכער רעדט אַ גע־שמאַקן יידיש, אין אַ קיבוץ: פאַרוואָס אַזאַ באַציאונג צו יידיש? איז דער ענטפער: „מיר דאַרפן עס דאָ נישט". דאָס פאַרדריסט אייך זייער שטאַרק, ספּעציעל ווען איר זייט מיט לייב און לעבן פאַר דער מדינה...

פונדעסטוועגן, איז די מערכה פון יידיש אין ישראל אַ סך בעסער ווי זי איז געווען. קיין שטיינער וואַרפט מען שוין היינט נישט מער, הגם די מוכרי־ספרים האָבן נאָך דערפאַר מורא, און ווילן נישט אַריינ־נעמען קיין יידישע ביכער צו פאַרקויפן, ווייל זיי געדענקען נאָך יענע צייטן...

אַ גרופּע „יונג יידיש", פון דערציילער און פּאָעטן, איז אויסגע־וואַקסן אין ישראל. אַ דאַנק דער פּרץ ביבליאָטעק ווערן זייערע ווערק אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם. דאָ און דאָרט הערט זיך אַ פּאָזיטיווע שטים, פון די העברייאישע קרייזן, לגבי יידיש. זייער אָפן רעדט וועגן דעם ענין ק. קצנלסון אין זיין בוך, וואָס איז נישט לאַנג צוריק דער־שינען, „קריזיס פון מאָדערנעם העברייאיש" („משבר העברית המודרנית"). ער האַלט, אַז מען דאַרף איינפירן דעם לימוד פון יידיש אין די פאָלקס און מיטלשולן. ער האַלט אויך, אַז מען דאַרף זיך בכלל צוריקקערן צו יידיש, און ער ווייסט, אַז דער צוריקקער וועט זיין בהדרגה־דיק, ווייל מען קען נישט אויף שנעל ענדערן דאָס וואָס ס'איז אָנגע־גאַנגען במשך פון צוויי דורות . . . ער וויל מיט יידיש זיכערן דעם בונד צווישן די סאַברעס און זייערע עלטערן, ווי אויך זיכערן דעם בונד צווישן ישראל און די תפוצות. בכלל, האַלט קצנלסון, אַז מען דאַרף ישראל פאַרוואַנדלען אין אַ צענטער פון יידישער קולטור אין דער וועלט.

די אונטערשטע שורה איז: די סיטואַציע איז היינט בעסער ווי זי איז געווען מיט יאָרן צוריק לגבי יידיש. די טענער לטובת יידיש האָט מען דאַן אויך נישט געהערט אפילו. דער עיקר אָבער, וואָס די חובבי יידיש גיבן נישט אויף די האָפענונגען פאַר אַ בעסערער מערכה פאַר אונדזער לשון יידיש.

אַ שמועס מיט נתן חפשי

זייענדיק אין ישראל, האָב איך זיך געוואָלט באַקענען מיט דעם מענטשן, וואָס האָט לעצטנס אין פאַרשידענע אַמעריקאַנער צייטשריפטן אַרויסגערופן וויכוחים; דער עיקר צוליב זיינע פּאָליטישע איינשטעלונגען וועגן דעם אַראַביש־יידישן פּראָבלעם אין מדינת ישראל.

זיכער בין איך אים נישט געגאַנגען באַזוכן צוליב פּאָליטישער איינשטימיקייט; נאָר פאַרקערט: איך האָב געוואָלט באַגעגענען דעם יידן, וואָס לעבט שוין אין לאַנד זינט דעם יאָר 1909 און הערן פון זיין מויל וועגן זיין קריטישן צוגאַנג צו דער מדינה און דער עיקר, וועגן דעם ענין אַראַבער־יידן, און פאַרקערט.

האָב איך אים און זיין פרוי „געטאָן דעם כבוד און טובה", ווי ער שרייבט מיר, און גענומען דעם אויטאָבוס קיין הרצליה, אַ צווייטן, וואָס פאָרט קיין רעננה, און אַראָפּ אין מיטן וועג, אויף דעם כביש גן־רשל, און זיך ווי־עס־איז דערשלעפּט צום בערגל, אַרויפגעקלעטערט אויף אַ נישט ברוקירט שטעגל און, אַז איך האָב דערזען דאָס טירל אויף דעם פּלויטל, וואָס הענגט נעבעך אויף אַ שטיקל פאַרזשאַווערטער דראָט, בין איך געווען זיכער, אַז כ'האָב נישט פאַרבלאָנדזשעט...

איך קלאַפּ אָן אין טיר, אויף וועלכן ס'הענגט אַ בלעכל מיט זיין נאָמען, און ס'באַווייזט זיך פאַר מיר אָן אַלט פאַרפאָלק. שטיל, סאָליד און באַשיידן—איז דער ערשטער איינדרוק. אויף דער פרוי זעט זיך שטאַרק אָן די אַלע יאָרן פון שווערער האָרעוואַניע; ער גראָדע קוקט גאָרנישט אויס ווי קיין וועגעטאַריער, הגם ער איז שוין אַריבער די שבעים... ער אַנטשולדיקט זיך, אַז ער דאַרף פאַרענדיקן דאָס איבער־פּלאַנצן אַ פלוימען־בוים, און פאַרלאָזט דאָס הויז פאַר אַ ווייל. די פרוי, אגב אַ סאַברע, הייבט דערווייל אָן דעם שמועס, בעת זי שטעלט טיי, פרוכט און ניסלעך אויפן טיש. איך געפין אויס, אַז אידייאיש איז זי פון דער זעלביקער שיטה ווי חפשי.

51 יאָר לעבט חפשי שוין אין לאַנד. אַלע יאָרן האָט די חפשי משפחה געלעבט אין נהלל (בלויז די לעצטע זיבן יאָר לעבן זיי דאָ אין הרצליה), אויפן באָדן פון קרן קימת. זיי זיינען געווען פון די חלוצים, וועלכע האָבן געגעסן דיזענטעריע פאַר פרישטיק, מאַלאַריע

פאַר מיטאָג און פאַר אָוונטברויט האָבן זיי צוגעביסן מיט כינין". עסן נישט קיין פלייש און אַנדערע פראָדוקטן, וואָס קומען פון לעבעדיקע באַשעפענישן. אין דעם זין זיינען זיי זייער שטרענג, און קוקן גראַדע אויס גאַנץ נישקשה...

וועגעטאַריזם איז ביי זיי אַן אידעאַל און ווערט שטרענג אָפגעהיט. אָבער ווען ס'קומט צו פּאָליטיק, האָב איך מיינע אויערן נישט געגלויבט. חפשי, דער פּאַציפיסט, דער שטרענגער וועגעטאַריער, וואָס וויל נישט נוצן דאָס געקויפטע מיסט פאַר די פעלדער, ווייל ס'האָט אין זיך עלע־מענטן פון לעבעדיקע באַשעפענישן און נוצט אייגענעם אָפפאַל... רעדט זיך גאָר גלייכגילטיק וועגן דעם ענין כפר חב"ד, וואו די אַראַבער האָבן דערשאָסן עטלעכע קינדער . . . „וואָס האָט מען געמאַכט אַזאַ טומל וועגן דעם?", זאָגט ער, „מ'האָט ביי די אַראַבער צוגענומען דאָס דאָרף, האָבן זיי אויף דעם געשאָסן. זיי זיינען אין כעס דערפאַר, די טויטע קינדער זיינען אַ צופאַל" . . . „די חסידים האָבן געוואָלט פאַר־לאָזן דאָס דאָרף, אויס מורא, אָבער דער ליובאָוויטשער רבי האָט נישט געהייסן", זאָגט ער.

אַ מערקווירדיקער מענטש איז נתן חפשי. געקומען אין לאַנד, גע־לעבט אויפן פרינציפ פון זעלבסט־אַרבעט, זיך אָפגעזאָגט פון אַ סך באַקוועמלעכקייטן! אַן אידעאַליסט ביז גאָר. אָבער דער גורל האָט אים פאַרבונדן מיט פּאָליטיק און ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער „ברית־שלום" באַוועגונג און דאָס, גלויב איך, האָט אים קאַליע־געמאַכט...

ווען איר הערט חפשין רעדן וועגן דער מדינה, הערט איר בלויז אַ נעגאַטיוון טאָן: דאָס לאַנד אינעם איצטיקן צושטאַנד געפעלט אים נישט. „מיר זיינען געוואָרן ככל־הגוים", זאָגט ער. אַמאָל, ווען מ'האָט פאַרענדיקט די גימנאַזיע, איז מען געגאַנגען אין קיבוץ; היינט—וויל מען ווערן אָנגעשטעלטע, אין שטאָט. אַמאָל האָט מען זיך געשעמט צו בעטן, און מ'האָט נישט געוואָלט נעמען קיין הילף; היינט איז פאַר־קערט: מ'בעט גאָר הילף. מען וויל רק לוקסוס. אַמאָל האָט מען געזונ־גען בחברותה, היינט—הערט מען ראַדיאָ, אָדער מ'זעט גאָר אַ באַלעט. און ער איז דאָס מבטל. איך קוק זיך אַרום אין דער זייער אָרעמער וואוינונג און באַמערק דאָס אַלטע, אָפגעקראָכענע מעבל, און הער ווי ער זאָגט: היינט האָבן מיר דאָ אַ טיש מיט שטולן. אַמאָל האָבן מיר

באַנוצט מאַראַנצן־קעסלעך, נישט געהאַט אַזאַ „לוקסוס". קיין טעלעפאָן אין הויז איז נישטאָ, אוודאי נישט קיין ראַדיאָ. „ווער דאַרף אָט־דאָס לוקסוס?", זאָגט ער. ער האַלט, אַז דאָס לאַנד דאַרף געבויט ווערן לויט דעם יידישן צוגאַנג—אָן בלוט פאַרגיסן . . . ווייל „גאָט האָט באַשוואוירן די יידן" און „אויך די גויים", גיט ער צו. ער זאָגט, אַז מ'האַלט אים פאַר אַ נאַאיוון מענטשן, ווייל ער גלייבט אַלעמען, אַפילו אַראַבער אויך . . .

ער דערציילט, אַז לאָרד באַלפור האָט אַמאָל געפרעגט הרצל'ען: פאַרוואָס די יידן זיינען אַזוי אויפגערעגט וועגן אוגאַנדע, און הערצל זאָל אים האָבן געענטפערט: „ווי וואָלטן די ענגלענדער געפילט ווען מען וויל בייטן לאָנדאָן אויף עפּעס אַנדערש?

ער דערמאָנט דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס מ'זוכט נייע היימען פאַר די אַראַבער, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט גרענעץ, אין די לאַ־גערן . . . אַז איך פרעג אים וואָס מ'קען איצט טאָן, נאָכדעם ווי מ'האָט באַזעצט יידן, נייע־עולים, אין זייערע פאַרלאָזענע היימען. ענטפערט ער, אַז מ'קען געפינען אַן עצה . . . נישט אַלע וואָלט מען באַדאַרפט אריינלאָזן, גיט ער צו, נאָר מ'האָט געקאָנט שאַפן אַ קאָנטראָל פון דריי זייטן: יידן, פליטים און די יו־ען. ער זאָגט, אַז דערווייל וואָלט מען באַדאַרפט אָפּשטעלן די יידן־אימיגראַציע. ער דערציילט, אַז וועגן דעם האָבן זיי געשיקט אַ דעלעגאַציע צו בן־גוריונען, פון דר. שערע־שעווסקי, דר. מאַרטין בובער און ערנסט סימאָן, אָבער עס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן . . . אגב, דערציילט ער, אַז אין דער רעגירונג ווייסט מען אַלץ וועגן זייער אַרבעט. בן־גוריון לייענט דעם „נר", זייער אָרגאַן, אָבער ביי דעם בלייבט עס . . .

ער רעדט אויספירלעך וועגן דער „ברית־שלום" באַוועגונג. ער דערמאָנט אַזעלכע פּראָמינענטע ציוניסטן, וואָס האָבן אין דער דאָזיקער באַוועגונג געאַרבעט, ווי דר. מאַגנעס, פּנחס רוטענבערג, גד פרומקין, סמילאַנסקי און נאַווימייסקי. די דאָזיקע פינף מענטשן זיינען געגאַנגען צו דער סוכנות (אגענץ) מיט אַ פּלאַן, נאָך אין די 30קער יאָרן, וואָס די אַראַבער האָבן פאַרגעשלאָגן, אַריינצולאָזן 30 טויזנט יידן אַ יאָר, אויף צען יאָר. דאָס מיינט, אַז במשך פון די צען יאָר, וואָלטן שוין די יידן געווען אין דער מערהייט אין לאַנד. אָבער ס'איז פון דעם גאָר־

נישט געוואָרן, ווייל די סוכנות האָט געוואָלט די צאָל זאָל זיין מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל . . . (62 טויזנט יערלעך).

ער דערציילט, אַז וועגן דעם ליגט ביי אים אַ מעמאָראַנדום, וואָס דר. מאגנעס האָט אים צוגעשיקט און אָנגעשריבן: „לא לפירסום". דאָס מיינט: נישט צו פאַרעפנטלעכן. ליגט ביי אים דער דאָזיקער מעמאָראַנדום, לדורות, אין זיין אַרכיוו...

וועגן בן־גוריונען, זאָגט ער, אַז ער גייט אויף דער גראַדער ליניע; ער פאַרקערעוועט זיך נישט אויף לינקס און אויך נישט אויף רעכטס... חפשי פאַרטיידיקט אַפילו קאַקאַדזשין, וואָס איז באַפאַלן דעם גליל. ער זאָגט, אַז מען האָט נישט דערציילט, אַז קאַקאַדזשי האָט אַפריער געשיקט אַ וואָרנונג צו די יידן, זיי זאָלן דאָרטן נישט בלייבן, איידער ער האָט געמאַכט דעם אָנפאַל. דאָס הייסט, אַז די יידן זיינען שולדיק אין די קרבנות... איך פרעג אים:

— וואָס זאָגן די אַראַבער וועגן דער קליינער גרופּע, און פאַרוואָס האָט די דאָזיקע „ברית־שלום"־באַוועגונג נישט געשלאָגן קיין טיפע וואָרצלען אינעם לאַנד? זיין ענטפער איז: ער ווייסט נישט . . . און ער גיט צו, אַז די גרופּע איז זייער אַ קליינע, ספּעציעל לעצטנס, איז זי שטאַרק איינגעשרומפּן. אַ צאָל פּראָמינענטע טוער, ווי מאגנעס, רוטענבערג, און גאָר לעצטנס, ר' בנימין, זיינען שוין אויפן עולם־האמת... אָבער זיי וועלן נישט אויפגעבן, ווייל זיי גלויבן אין דער באַוועגונג באמונה־שלימה.

איך בין שיער נישט נבשול־געוואָרן, בעת איך האָב זיך גענומען אָנפילן מיין ליולקע, און כ'האָב זיך דערמאָנט וואו איך געפין זיך. האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, צי מ'מעג רייכערן. האָט ער מיר גאַנץ פריינדלעך געענטפערט, אַז ניין. „און ס'וועט אַפילו זיין בעסער פאַר אייך אויך", האָט ער צוגעגעבן...

איך זאָג אים, אַז איך קען טשאַרלס זאַלץ, מיין בן־עיר, פאַר אַן ערלעכן מענטשן און אַן אידעאַליסט, און דאָך האָט ער אים שטאַרק קריטיקירט, אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע". ענטפערט ער, אַז ער ספק'ט נישט וועגן זאַלצ'ס ערלעכקייט, נאָר זאַלץ ווייסט נישט די אמת'ע לאַגע דאָ...

מ׳פאַרבעט מיך צו בלייבן אויף מיטאָג. איך האָב גאַנץ פריינדלעך אָפּגעזאָגט, ווייל איך האָב זיך געאײַלט צוריק קיין תל־אביב. די פרוי פאַרבעט מיך דורכצושפּאַצירן דעם גאָרטן זייערן. מיינע אויגן פאַלן אויף גרינע מאַראַנצן, די גרוים פון גרייפּ־פּרוכטן. איך פרעג צו מ׳מעג אָפּרייסן עטלעכע, און די פרוי זאָגט גאַנץ פריינדלעך: „בבקשה״. זיי האָבן בלויז צוויי דונאַם לאַנד איצט, וואו זיי וואוינען. דאָס שטיקל לאַנד גיט זיי נישט גענוג פּירות און ירקות אויף צום לעבן. מוזן זיי אַביסל צוקויפן. זיי זיינען שוין אויף פּענסיע. מ׳לעבט בצימצום און מען איז צופרידן. די קינדער זיינען אַוועק אין שטאָט (אפשר זיינען זיי דערפאַר קעגן דעם „לוקסוס״?) מיר גייען אַריין אין הויז און זיי זוכן אַ פּאַפּירן בייטעלע אויף איינצואוויקלען די מאַראַנצן, און ס׳איז נעבעך נישט בנימצא . . . ביז חפשי האָט אַרויסגעשלעפּט אַן אַלטן קאָנוווערט פון זיין ביבליאָטעק און „געראַטעוועט די לאַגע״ . . . פאַרן געזעגענען זיך, שטעל איך אָן מיין קאַמעראַ און פאָטאָגראַפיר זייביידן.

אויפן וועג צוריק קיין תל־אביב, און עד־היום, קען איך נישט פאַר־געסן די דאָזיקע מערקווירדיקע מענטשן. אין זייער קעגנערשאַפט צו דער ממשלה, דערציילן זיי, אַז די טוריסטן ווייזט מען נאָר די שיינע זאַכן אין דער מדינה, וואָס איז ווייט פון אמת . . . אַחוץ שיינע זאַכן, האָב איך אויך געזען גענוג אָרעמקייט אין לאַנד. איך האָב געזען אַ מאַרק פון תימנער, ווי מען ליגט בפועל ממש אויף דער נאַקעטער ערד, און מ׳פאַרקויפט פלייש אויף וועלכן ס׳רויען פליגן און אַנדערע אינ־זעקטן . . . די רעגירונג פּרוואווט צו לייזן די פּראָבלעם. איך האָב אָבער אויך געזען די נייע הייזער, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ טייל פלעצער, וואו ס׳זיינען נישט לאַנג צוריק געשטאַנען מעברות.

איך האָב אויך געזען ווי מען בויט אויף הייזער אין אַ סך חרובע געגנטן און מען קלייבט זיך אַהין אַריין, איידער מען ברוקירט אַפילו אויס אַ שטעגל צום אַריינגיין, ווייל „דער עיקר איז מענטשן זאָלן האָבן וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. די שטעגן וועלן קומען שפּעטער״, איז דער ענטפער. די ענגשאַפט אין לאַנד איז זייער בולט. דאָס לאַנד איז אויך אַ קליינס. מ׳ראַנגלט זיך וועגן איינאָרדענען די נייע עולים, און די איינגעאָרדנטע לעבן אוודאי נישט אין קיין רחבות . . . אָבער מ׳איז צופרידן. מ׳בעט נאָר, אַז ס׳זאָל זיין שלום, בכדי מ׳זאָל קענען בויען

און לעבן . . . און דאָ זיצן מענטשן, וותיקים, וואָס האָבן געבויט דאָס לאַנד און דערביי אויסגעריסן געוואָרן, און קיין פאַרמעגן אויך נישט אָנגעזאַמלט, און קריטיקירן די מדינה מיט אירע פירער, דערפאַר וואָס זיי זיינען נישט מסכים מיט זייער פּאָליטישן איינשטעל בנוגע דעם ענין אַראַבער... די חפשים זיינען וועגעטאַריער, און „טשעפּען אַפילו נישט אַ פליג אויף דער וואַנט". אָבער געפינען אַ באַרעכטיקונג אין די האַנדלונגען פון אַראַבער, וועלכע פאַרגיסן בלוט . . . איך גלויב, אַז זיי זיינען אויפריכטיקע אידעאַליסטן, אָבער זייער אידעאַליזם איז דערגאַנגען ביז נאַאיוויטעט...

LEON LEVENSON

A Tour of

PARIS, ROME and ISRAEL

Published by
THE I. L. PERETZ WORKMEN'S CIRCLE SCHOOLS
PHILADELPHIA, PENNA.
1961